STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07413

# GEKLIBINE LIDER

Nochem Weisman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# ג ע ק ל י ב ע נ ע  ל י ד ע ר

פון נחום ווייסמאַן

# געקליבענע לידער

פון

## נחום וויסמאַן

אַרויסגעגעבן פון

נחום וויסמאַן בוך־קאָמיטעט

ניו־יאָרק, 1950

Copyright 1950
by MRS. TANIA WEISMAN
New York, N. Y.

PRINTED IN THE U.S.A.
209

**נחום ווייסמאַן** (1944—1894)

# נחום ווייסמאַן

## פון א. גאָלדבערג

אפילו איצט, פינף יאָר נאָך זיין טויט, איז נאָך אַלץ שווער צו רעדן וועגן נחומען אַנדערש ווי אינטים. מיר דוכט זיך, אַז בלויז מיר, די נאָענטע, קאָנען אים באמת אָפּשאַצן, ווייל די פּערזענלעכקייט זיינע איז דורכגעגאַנגען יעדע שורה, וואָס ער האָט געשריבן, יעדעס בילד וואָס ער האָט געמאָלן, יעדע לעקציע וואָס ער האָט געגעבן אין קלאַס צו די קינדער. ווייל ניט לערעריי און ניט שרייבעריי זיינען ביי נחומען געווען פּראָפעסיעס. נחום איז בטבע קיין פּראָפעסיאָנאַל ניט געווען.

בטבע האָט ער בלויז ליב געהאַט שרייבן לידער, זינגען מיט קינדער, און בכלל לאָזן די דרויסנדיקע וועלט דורכזיפּן זיך דורך זיך און ענטפערן, רעאַגירן אויף אַלץ וואָס דאָס אויג און דאָס אויער האָט אויפגעכאַפּט. ווייל שוייגן האָט ער ניט געקאָנט. ער האָט געמוזט שרייבן, ס׳האָט זיך געריסן פון אים. און צוליב דעם האָט ער אַזויפיל געשריבן און ניט געווען און ניט געקאָנט זיין קריטיש צו זיינע לידער. זיי זיינען אים געווען צו־נאָענט, צו־סוביעקטיוו, אַז ער זאָל זיי קאָנען שאַצן — ער האָט זיי אָפּט אינגאַנצן ניט אָפּגעטיילט פון זיך. און גיי דערוואַרט, אַז אַ מענטש זאָל זיין קריטיש צו די אייגענע ליפּן, צו די אייגענע הענט.

אָט־די אוממיטלבאַרקייט זיינע, אָט־דאָס פולשטענדיקע צוזאַמענגיסן זיך פון דעם אַרום מיט זיין ליד האָט גורם געווען, אַז ער זאָל אָפּענטפערן אויף יעדער געשעעניש פון אונדזער לעבן די לעצטע צענדליקער יאָרן. יעדע זאַך האָט אים געאַרט, ווייל ס׳לעבן און דער קאַמף אונדזערער האָט אים אַזוי שטאַרק געאַרט, און אַן ענטפער האָט ער געהאַט בלויז איינעם — אַ ליד, אומאָפּגעזען צי דאָס ליד וועט דערזען די ליכטיקע וועלט אָדער ניט, — און אַזוי פיל האָבן ניט דערזען, — ער, נחום, האָט זיינס געטאָן, ער האָט געענטפערט, געמוזט ענטפערן.

„אַ זינגענדיקער גיי איך מיר אַרום אָט־דאָ אַ, צווישן אייך,

כ׳טראַג שטיקער הימל בלוי פון מיין רומעניש דאָרף אין אויג אַרום . . .
„כ׳טראַג אַזויפיל פרילינג־זון באַהאַלטן אין מיין האַרץ . . .
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
„זינגט מיט מיר דאָס ליד פון קומענדיקן פרילינג . . . “

איך טראַכט וועגן נחומען ווי מען טראַכט וועגן אַ קינד — ער איז געוועזן און פאַרבליבן דאָס גרויסע קינד צווישן אונדז — הלוואי וואָלטן מיר אים אַזוי פאַרשטאַנען, אָנגענומען און ליב געהאַט.

אַזוי־אַ פשוט וואָלט מען אים באַדאַרפט פאַרשטיין. ווי אַ קינד האָט ער ניט אָפּגעטיילט דאָס ליד פון לעבן. די פאַנטאַזיע מיטן רעאַלן האָבן ביי אים ניט געהאַט קיין גרענעץ צווישן זיך.

פונקט ווי אַ קינד, האָט ער ליב געהאַט די נאַטור און זיך פולשטענדיק צוזאַמענגעגאָסן מיט איר.

„איך בין אַ בלום, איך בין אַ בוים און פראָסטע גרינע גראָז.“

אָבער נחום האָט ניט געזוכט בלויז און ס׳איז ניט גענוג געוועזן פאַר אים אַ ריין־אינטעלעקטועלע פאַרבינדונג מיט דער נאַטור. ער האָט זי — ווי אַ קינד — באַדאַרפט אָנרירן, נאָענט ווערן מיט איר.

ס׳איז געוועזן זיין נאַטור, און ער האָט זי פאַרשטאַנען און ליב גע־האָט, געפלאַנצט אַ גאָרטן, געשפּייזט טשערעפּאַכעס און געקאָנט די שפּראַך פון חיות און פויגל, מיט ביימער און מיט בלומען אינטים געווען.

צו „20 יאָר קינדערלאַנד“ באַגריסט נחום פריער פון אַלעם די פלאַנצן־ און חיות־וועלט פון קעמפּ:

„גוט יום־טוב איך, ציפּרעסן, מיינע ברידער,
גוט יום־טוב איך, איר העזעלעך אין טאָל . . . “

כ׳בין זיך מודה: ערגעץ צאַפּלט זיך אַ מאָדענער געדאַנק — מער ווי צו אונדז אַלעמען איז ער געווען נאָענט צו די ציפּרעסן, זיינע ברידער.

ערגעץ פילסטו: ער וועט זיי אויספעלן, די ציפּרעס־ביימער פון קינ־דערלאַנד — זיי האָבן זיך אַזוי זעלטן גוט פאַרשטאַנען . . .

*
**

איך טראַכט וועגן נחומען, ווי מען טראַכט וועגן אַ קינד — ווי אַ קינד פלעגט ער רעדן וועגן זיך אין דער דריטער פּערזאָן.

ווי אַ קינד, האָט ער אַלץ געוואָלט אַריינגעמען אין זיך — דאָס וואָרט „מיין" פילט אַן און גייט דורך זיינע לידער — מיר האָבן עס קיינמאָל קלאָר ניט פאַרשטאַנען. געטראַכט — שטאַמט עס אפשר פון איגנליבע? איז עס אַ מאַניעריזם אַזאַ? איז עס אַ פאַרשאַרפט געפיל פון באַזיץ?

אַלע דריי ניט. ווייל נחום האָט געהאַלטן פאַר זיין, אַזוי פיל — אַזוי צו זאָגן — אומגויטיקע און אומנוציקע זאַכן — מיין הימל, מיין רעגן, מיין פויער, מיין פאַרנאַכט, און — אומעט מיינער, בין־השמשות מיינער, לבנה מיינע.

ניין, ס'איז גיכער ווי אַלץ דאָס פולשטענדיקע אידענטיפיצירן זיך, ווערן איינס, גאַנץ ווערן מיטן אַרום. „בוים מיינער" — אַוודאי, ווייל בוים און איך, נחום וויסמאַן, זיינען אייגנטלעך איינס, ער איז מיינער, איך באַזינג אים . . .

בלויז אַ קינד, אָדער דער סופּער־סענסיטיווער דערוואַקסענער, רעדט אַזוי פּשוט, פאַרמאָגט ניט דעם איינפאַכן „קלוגן" חוש פון אָפּטיילן די אויסערלעכע וועלט פון דער אינערלעכער. ווייל אַז יעדע זאַך, וואָס איך האָב ליב זאָל זיין מיין. בלויז אַ קינד קאָן זיך אַזוי אוממיטלבאַר אידענטיפיצירן מיט דער אויסערלעכער וועלט.

און ער האָט עס אַליין אויך אַזוי פאַרשטאַנען:

„צווישן אַלע קינדער, בין איך אַ קינד דאָ,
צווישן אַלע זאַנגען, אויך אַ זאַנג אין פעלד . . ."

יאָ, ער האָט עס אַליין אויך אַזוי פאַרשטאַנען. ניין, ניט פאַרשטאַנען אפשר, נאָר דערפילט. ווייל נחום איז פריער פון אַלץ און איבער אַלץ געווען געפיל, ריין, לויטער האַרץ.

ווילסט פאַרשטיין נחומען, זוך אים אין זיינע לירישע לידער.

„זינג, מיין האַרץ", בעט ער זיך ביי זיין צאַפּלדיק האַרץ, וואָס איז אין משך פון פופציק יאָר קיין מאָל ניט געזונט געווען.

„איך האָב געזאָגט צום האַרץ מיינעם אָט־אַזוי:
וואָס ציטערסטו און פלאַטערסט נאָכאַנאַנד?
עס שפּאַנט דאָך שוין מיין פרילינג אויף די וועגן,
כ'פיל דאָך שוין ווילדע בלימלעך ביים ראַנד.
נאָר גיי רעד צו אַ האַרץ, וואָס טראָגט דעם ווי פון גאַרער וועלט
און צאַפּלט זיך אין דעם ווי אַ פלאַטערל אין האַנט . . ."

זיין גרעסטער צער איז געווען, ווען ער איז פון זיך אַליין געלאָפן.

אַזוי שנעל ווי ער איז אַוועק פון זיך אַליין, פון „מיין בוים, מיין אומעט, מיין פעלד־בלימל" — האָט ער פאַרלוירן דעם פאָדעם, דעם אַנ־האַלט . . . ניט זיינע סטרונעס געווען . . . געראַטעוועט האָט אים דאָס, וואָס דער קאַמף פאַרן לעבן איז געוואָרן אַ טייל פון זיין אינעווייניקסטן איך . . . ווען דאָס סאָציאַלע ליד איז אַדורכגעלאָזט געוואָרן דורך נחומס פערזענלעכער פריזמע — זיין האַרץ, זיין קדשי־קדשים, וואו ער האָט זיינע לידער אָן אויפהער געשפּונען.

ווייל נחום איז געווען אַ טייל פון אונדזער לעבן, איינס מיט אונדזער קאַמף און אונדזער אידייע, מיטן גאַנצן לעבן איבערגעגעבן דער באַוועגונג, וועלכער ער האָט מיט אַזויפיל געטריישאַפט געדינט די אַלע יאָרן פון לעבן. די פאַרבינדונג מיט דער אידייע פון אונדזער קאַמף האָט פאַרטיפט און באַזיניקט זיין ליבע צום מענטשן.

„דערפאַר שיק איך מיין ליד צו בלינדע שטאַרע פענצטער
צו אַלעמען, צו יעדערן, וואו זון קומט נישט אַריין . . . "

און

„דערפאַר האָב איך פאַר דיר, מיין וועלט, אַזויפיל קינדערשע פרייד
און אַזויפיל טיפן אומעט, אויף דער זעלבער שאָל."

און נחום דערציילט אונדז ווי ער איז „פון לידער פון ראָזעווע פאַרנאַכטן" אַריבער צו

„לידער פון נויט און פון הונגער, פון באָרוועסע פיסלעך און הערצלעך פון פיין."

ביז

„היינט, זינג איך מיין ליד דאָ, צו העלדישע קעמפער . . . "

און

„אַ וועקער געוואָרן, איז צי איך די גלעקער . . . "

אָבער נחום ווערט נאָך אַלץ עכטער ווען ס'רייסן זיך אַרויס די פער־

זענלעכע שורות אין די לידער . . . ער אידענטיפיצירט זיך פולשטענדיק מיטן פּאָעטער שמואל לעווין אין דער „באַלאַדע פון מאיר לעווין״ — שווער צו וויסן צו ווען ער זינגט — צום העלד פון זיין באַלאַדע, צי צו זיין אייגענעם זון, ווען ער זאָגט:

„באַמאַלן האָט פראָסט שוין
מיין פענצטער מיט בלומען;
אָ, זון מיינער, זאָג מיר —
ווען וועסטו קומען?״

אָדער

„ווייַן ניט, האַרץ, כ׳בין ניט דער ערשטער און אויך ניט דער לעצטער,
וואָס האָט אַזוי זיין ליפּ צעביסן היינט מיט ציטערדיקע ציין . . .״

*
**

נחום איז אפשר איבער אַלעם געווען דער לערער, דער זינגער פון דעם קינדער־ליד — זיי האָט ער אַמבעסטן און אַמנאָענטסטן פאַרשטאַנען. און זיי אים — אויך.

זיינע קינדער־לידער אָטעמען מיט אַ פשוטער ניט־געקינצלטער די־רעקטקייט און נאַטירלעכקייט — דער עיקר, ווייל נחום האָט זיך ניט געקליגט צו שרייבן פאַר קינדער. ער האָט ליב געהאַט דאָס קינד און ליב געהאַט פאַר דעם צו זינגען. דאָס אַלץ.

זיין לעבן איז פאַרבונדן געווען מיט אונדזער שול. איבער 20 יאָר איז ער געווען אַ יידישער לערער, און לערעריי איז אים נאָענט געווען. ער גרויסט זיך מיט זיין לערערישן יחוס:

„כ׳האָב קינדער מיט ליבע געלערנט דאָ,
אין קאַמף פאַר דער פרייהייט זיין גרייט . . .״

און ס׳פרייט אים, ווייל:

„אָ, לאַנד מיינס, כ׳בין שטאָלץ אויף מיין אַרבעט,
אַזויפיל זין מיינע מיט שונא אין קריג,
וועלן זיי מיך זיכער דערמאָנען
אין לעצטן ענדגילטיקן זיג . . .״

און פונקט אַזוי שטאַרק האָט אים ווי געטאָן, וואָס

„אין שלאָף היינט זיך שרעקן די קינדער
סע ברענט היינט די וועלט אין אַ פלאַם,
מען יאָגט היינט פון שטאָט און פון שטעטל,
ס׳ברענט אונדז די ערד און דער ים . . .״

***

ווער ס׳געדענקט ניט נחומען אין „קינדערלאַנד״, דער געדענקט ניט נחומען.

„קינדערלאַנד״ — דאָס איז געווען זיין צווייטע היים, דאָס איז געווען זיינס ״מיין קעמפּ, מיין קינדערלאַנד״. מערסטע לידער האָט ער געשריבן אין קעמפּ. ער פלעגט יעדן זומער אַהיים ברענגען עטלעכע ביכער לידער. דאָס איז געווען זיין פלאַץ, וואו ער איז געווען אַם שעפערישסטן . . .

כ׳געדענק אים אויף די סטעזשקעס אין די אויסגעפּרעסטע ווייסע הויזן, מיטן שטענדיקן בלימל אין לאַץ, ווי אַ תמידיק שטיק יום־טוב.

כ׳געדענק אים ווי איצט — אַ פאַרחלומטן אויף דער שוועל פון באַנ־גלאָ 19, זיין באַנגעלאָ, זיך טוליען צום פאַרנאַכט, וואָכן איבער זיינע שלאָפנדיקע העלדן, שפּינען אַ ליד און שטילערהייט שמועסן מיט די קי־פאַריסן, וואָס בלויז ער האָט זיי אַזוי גוט פאַרשטאַנען.

***

כ׳לייען זיין לידל „צעריסענע בלומען״, וואו ער קלאָגט זיך:

„דער האַרבסט איז געקומען
צו פרי נאָך — פאַרפרי.״

ער אַליין — נחום — אַ צעריסן פעלד־בלימל, אַ קינד, וואָס האָט אין האַרצן געטראָגן אַ ליד, אַ בילד, אַ סך ליבע — און וואָס דער האַרבסט זיינער איז געקומען צו, צו פרי.

איך בלעטער זיינע פאַרשריבענע העפטן — ביכער האָט ער זיי גע־רופן — לייען זיין קלאָרע האַנטשריפט און צאַפּל זיך:

וויפיל גלויבן, וויפיל שטילער פּאַטאָס געפינען זיך אין אָט־די העפטן,

אין די לידער, וואָס אַזוי ווייניק פון זיי האָט ער די זכיה געהאַט צו זען אין דרוק!

מיט וואָס־זשע וועלן מיר אָפּצאָלן פאַר דער ליבע און דער געטריי־שאַפט?

מיט אָפּהיטן דאָס, וואָס ער האָט אונדז איבערגעלאָזט, מיט דעם, וואָס נחום אַליין האָט געוואָלט דערציען אַ דור

„וועלן זיי מיך זיכער דערמאָנען
אין לעצטן ענדגילטיקן זיג — "

לאָמיר אים דערמאָנען און געדענקען — דעם לערער, דעם שרייבער, דעם האַרציקן פריינט און חבר — נחומען.

***

און דעריבער — אונדזער האַרציקער דאַנק און וואַרעמע אָנערקענונג צום „נחום וויסמאַן־בוך־קאָמיטעט" פאַר מעגלעך מאַכן די דערשיינונג פון דעם בוך אין וועלכן ס'גייט אַריין בלויז אַן אָפּגעקליבענער טייל פון דער גרויסער ירושה, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט.

אַ דאַנק אויך דעם דיכטער מאַרטין בייגבוים פאַר זיין אַרבעט ביים העלפן אָפּקלייבן די לידער, און משה פעלדמאַנען פאַר זיין אַרבעט ביים צוגרייטן דאָס בוך צום דרוק.

**א. גאָלדבערג**

פון דער סעריע

# „צעריסענע בלומען"

# צעריסענע בלומען

.1

טענער פאַרגעסענע —
ביימער אין צװיט ;
יוגנט-חלומות —
בלומען צעבליט.

רױמען צעפּראַלטע —
האַרץ אין געזאַנג ;
גאָלדענע זונען
אויף װייצן פון זאַנג.

באַקן צעפּלאַמטע —
יוגנט אין פלאַם ;
חלום אין װאַנדער
אויף שױמיקן ים.

צעריסענע בלומען
פון נעכטיקן ליד ;
געלע פעטאַלן
זיך צאַפּלען דאָ מיד.

.2

נעכטיקע לידער —
קלאַנגען אין בלוי ;
צעריסענע בלומען
און הימלען אין גרוי . . .

שוואַלבן פאַרפלויגן —
קראָען אויף בוים ;
ליפּן פאַרבלויטע —
שעפּטשנדיק קוים.

פלאַטערן בלעטעלעך
אין געל־טויטן־טאַנץ ;
צעריסענע בלומען
אין טויאיקן גלאַנץ . . .

פאַרפרוירענע טרערן
אין ווינקל פון אויג ;
אַ סאָווע נאָר לאַכט היינט
אויפן שפּיץ פון אַ סטויג.

.3

כ׳האָב צונויפגעקליבן פון מיין פעלד היינט
בלום נאָך בלום;
וואָס האָבן זיך דאָרט אָפּגעריסענע געוואַלגערט
טרויעריק שטום . . .

וואָס האָבן זיך אין פּיין געקאַרטשעט,
קוים געהערט;
און האָבן פון מענטשנס טראָט אין פעלד
זיך ניט געווערט . . .

אָ, אָפּגעפּליקטע בלומען מיינע, נע־ונד׳טע,
אין פאַרנאַכט —
איר האָט מיין חלום אויסגעשפּינטן
איצט דערוואַכט!

האַרץ מיינס, שוויג. זיי שטילער נאָך
פון בלעטל אויפן בוים;
מיטן ערשטן פרילינג־ווינטל דאָ —
קומט אַ נייער טרוים!

.4

בענק ניט, מיין שוועסטער,
אין פלאַטער פון טויב;
צעריסענע בלומען —
חלומות אין שטויב . . .

טרוימען פאַרפליען —
ליד ווערט פאַרשטומט;
זכרונות זיך צאַפּלען —
ווען פאַרקרומט . . .

וועגן ניט פירן
צוריק, בלויז אַהין;
פאַרוואַקסן די סטעזשקע —
ס׳וועבט שפּינוועבס אַ שפּין . . .

ניט וויין היינט, מיין שוועסטער,
אין ליד זיך ניט קלאָג;
דער נעכטן פאַרגאַנגען?
איז היינט אויך אַ טאָג . . .

און ס׳דאַרף ערשט אַ מאָרגן
נאָך קומען אַהער;
אַ, וויין נישט, מיין שוועסטער —
וויש אויס היינט דיין טרער!

.5

צעריסענע בלומען, צעפּליקטע פון ווינטן —
פאַרבלאָזענע ערגעץ אויף שטעג און אויף וועג;
איך קלייב אייך צונויף היינט און וועק אייך צום לעבן
ווי דער נביא, יחזקאל, די ביינער אין אמאָליקע טעג.

צעריסענע בלומען פון וועטער צעפליקטע,
פון שטאָם אָפּגעריסענע דאָ אויף מיין פעלד —
איך גלעט אייך מיט צאַרטע צעזונגענע פינגער
פאַרוואָגלטע בלומען, פאַרוועלקטע אין קעלט . . .

איז קלייב איך אייך אַלע צונויף דאָ אין רעגן —
באַצירן מיין צימער אין עלנט פון טאָג ;
פאַרשפּין איך מיין ליד היינט אין רויש פון די ביימער,
אין פּיין פון צעריסענע בלומען אויף ראָג . . .

און לויפט־אָן אַ טרער איצט און גלאַנצט אין די אויגן,
און נאָגט אַזאַ בענקשאַפט אין ברוסט דאָ ביי מיר —
פאַרוויש איך זי תיכף — ס'זאָל קיינער ניט זען
און קיינער זאָל הערן די פּיין־ליד אין איר . . .

— — — — — — — — — — — — — — —

צעריסענע בלומען, צעפליקטע פון ווינטן —
פאַרבלאָזענע ערגעץ אויף שטעג און אויף וועג ;
אַזוי ווערן אויך ווען צעפליקט אונז די פליגל —
אַזוי ווערן אויך אונז פאַרוועלקטע די טעג ! . .

# מיין זון גייט אויף

מיין זון גייט אויף אינעם געזאַנג פון דיינע אומעטיקע אויגן,
אַ לויטערע אַזאַ, ווי טוי אינעם קאַיאָר;
און זי פאַרגייט מיטן לעצטן שאָרך פון דיין פאַרבענקטן טראַט
דו ביסט פאַר מיר, אָט דאָ, אַ חלום אויפן וואָר . . .

אַזוי זויבערדיק און לויטער איז דיין וואָרט —
איז וואויל איז מיר וואָס כ׳קאָן פאַרנעמען יעדן קלאַנג;
און גוט איז מיר צו בענקען אין פאַרנאַכטן
און הערן דיין געזאַנג אין פעלד, אין יעדער זאַנג.

דאַרפסט ניט וויסן, בעסער פרעג ניט, שוועסטער —
זע ווי ס׳ראַנגלט זיך די זון איצט ביים פאַרגיין;
כ׳וויים, כ׳וויים, אַזוי דאַרף עס געשען —
די זעלבע זון וועט מאָרגן אויך אויפגיין!

אַ בלויע וועט די נאַכט פאַרוויגן דאָ אין פעלד
די בלויע זאַנגען דאָ, אין בלויען טרוים;
וועל איך מתפלל זיין פאַר מיר און דיר
צוזאַמען מיטן רויש פון מיין דערוואַכטן בוים!

# ס'איז מיין שוועל איצט פול
# מיט זילבער

ס'איז מיין שוועל איצט פול מיט זילבער —
נעם אָן זשמעניעס — פולע הענט;
שיינט לבנה-ליכט צעגאָסן
איבער דרימלענדיקע ווענט.

זילבער ווענט און זילבער שוועלן —
זילבער פעלד און זילבער בלום;
זילבער נאַכט און זילבער לידער —
קום, מיין שוועסטער, קום איצט, קום.

ס'זינגט מיין האַרץ דאָס ליד פון זילבער —
זע, די שלייפן מיינע, — ווייס-גרוי;
שנעלער, שוועסטער, קום וואָס גיכער —
ס'צאַפּלט ליד מיינס זיך אַזוי.

ס'איז מיין שוועל איצט פול מיט זילבער —
נעם אָן זשמעניעס, — פולע הענט;
אַזויפיל זילבערדיקער עלנט
צווישן נאַקעטע פיר ווענט.

זילבערדיקע בענקשאַפט מיינע —
ווען רופסטו צו דיין שוועל;
זע, מיין שוועסטער, הער דעם צער פון
ערשטע בלעטעלעך אין געל . . .

# פאַרגליווערטער טוי . . .

פאַרגליווערטער טוי אין סעפּטעמבער פרימאָרגן —
זילבערנע טרערן פון האַרבסטיקן קוש;
וויגן זיך נאַקעטע שטאַמען פון בלומען
אויף טאָלן באַצירטע אין האַרבסטיקן פלוש.

פייפן איצט ווינטן אויף צווייגן אין אומעט —
זינגען אַ ליד הײַנט, מיט בלעטער אין פלי;
אָ, בענקשאַפט, דו, מיינע, אין זילבערנע פעדים
אין טויזנטער הערצער צעבלי זיך, צעבלי.

צעזינג זיך מיט ליד פון דער האַרבסטיקער שפע —
צעפייף זיך ווי ווינטן מיט בלעטער פון בוים;
צעוויג און פאַרוויג זיך אין ליד פון פאַרנאַכטן —
און שווייג — ווי אין אָוונט שווייגט צווייג פון אַ בוים.

און קומט דער פאַרטאָג פון סעפּטעמבער פרימאָרגן —
מיין בענקשאַפט, ניט וויין אין מיין זילבערנער טרער;
מען דאַרף ניט, מען טאָר ניט, ס'עט קיינער פאַרשטיין דאָ—
פאַרנעמען דיין ליד הײַנט, ניטאָ דאָ שוין ווער!

איז זינג הײַנט מיין בענקשאַפט אין זילבער פרימאָרגן —
סעפּטעמבער ליד זינגט דאָ ביים שוועל פון געצעלט;
אַ גוטן אייך — בערג דאָ אין בלוי פון פאַרנאַכטן —
אַ גוטן אייך — האַרבסטיקע זאַנגען אין פעלד . . .

# אין די פענצטער מיר רוישן היינט . . .

אין די פענצטער מיר רוישן היינט שפּיצן פוןביימער,
און ס׳קלאַפּן די צווייגן אין אומרו אין טיר;
דאָס ווילן די בלעטלעך אויף צווייגן מיך וועקן
כ׳זאָל קיינמאָל ניט אויפהערן טראַכטן פון דיר.

צווייגן פון ביימער, הענט אויסגעשטרעקטע,
טאָ וועמען־זשע ווילט איר אַרומנעמען דאָ?
זעט, טויזנטער שטערן אויף הימל איצט פינקלען —
איז וואו איז מיין שטערן אין דער נאַכטיקער שעה?

רוישן פון ביימער מיט רויש פון מיין בענקשאַפט —
און סע זשומעט אין אויער אַ שטורעם־געשריי;
אין דרויסן איצט, גרילן צעגרילן אַן אומעט
און ערגעץ אַ „ווי־פּור־וויל" קלאָגט אויף זיין וויי . . .

האַרץ מיינס, זיי רואיק און צאַרט אין דיין בענקשאַפט —
ניט שרעק זיך אַזוי פאַרן ווינט;
ערגעץ מוז זיכער דאָרט ווער אויף דיר וואַרטן
באַרוישט אין איר בענקשאַפט, ווי דו אויך אַצינד!

# מיין האָלצפּיקער

מיין האָלצפּיקער קלאַפּט אַ גאַנצן טאָג זיין שנאָבל אין דער ברעט,
כ'ווייס ניט פאַרוואָס ער קלאַפּט ווי מיט אַ האַמער גאַנצע טעג!
כ'זע ניט ביי אים קיין שיך און ניט קיין טיש און בענקלעך —
איך הער אים אויך ניט ווען כאַטש זעגן מיט אַ זעג!

ר'האָט נאָך קיינמאָל ניט געזונגען ביי זיין אַרבעט —
און אויספּייפן אַ ליד, אים קיינמאָל ניט געהערט;
נאָר פּאָנפּען, פּאָנפּעט ער צומאָל דורך זיין נעזל —
פאַרשטייט אפילו ניט פון זינגען גאָר די ווערט!

און אַז איך רעד צו אים, ווי אַ טאַטע רעדט צו קינדער —
און פרעג ביי אים פאַרוואָס דאָס קלאַפּן נאָכאַנאַנד —
קוקט ער שטום מיט זיינע שווארצע אייגעלעך אויף מיר
און פּיקט געשמאַק די גראָזשפּרינגער פון מיין האַנט.

און ווען איך זיץ מיר אָפּט אַ וואַכער ביי מיין טישל
און שרייב מיין ליד אין שטילקייט פון דער נאַכט —
הערט ער אויף אין שטייגל דאָרט צו פּיקן
און באַוואַכט מיך, שטומערהייט באַוואַכט! . . .

קינדערלאַנד, אויגוסט 17טן, 1943.

## גאָלדן גליק

ניט מיט מענטשלעך בלוט
באַפלעקט זאָל זיין די ערד;
ניט צאַפּלען זאָל זיך האַרץ
אויף שפּיץ פון שווערד . . .

נאָר וויגן זיך אויף פעלד —
פאָרויס און אויף צוריק —
זאָל קאָרן, בלום און ווייץ
אין גאָלדן גליק!

## כ׳האָב אַליין . . .

כ׳האָב אַליין מיין פעלד צעאַקערט
אין געצעלט דאָ, פאַר מיין טיר;
און אַליין פאַרזייט די בלומען —
ווילדע בלומען דאָ — פאַר דיר . . .

כ׳האָב אַליין פאַרזייט די בלומען —
מיט מיין ליבשאַפט זיי באַהיט;
און זיי יעדן טאָג באַזונגען
מיט אַ ליד פון מיין געמיט! . . .

## מיינע בלומען

מיינע בלומען, זיינען מיינע פריינט —
רעדן זיי צו מיר;
ווערט מיר אַזוי פריילעך, היימלעך
ווען זיי בליען פאַר מיין טיר . . .

מיינע בלומען, זיינען מיינע פריינט —
זינג איך זיי מיין ליד אָט־דאָ;
זאָלן מיינע לידער ווי די בלומען
טרייסטן, אין אַן אומעטיקער שעה . . .

## אַ בלום פאַר דיר

אַ בלום פאַר מיר, פאַר דיר, פאַר זיי —
פאַר די, וואָס וועלן קומען;
כ׳וויל אַ בליענדיקע וועלט
מיט פרילינגדיקע בלומען!

כ׳וויל אַ יום־טוב׳דיקע וועלט
מיט רויזן־דופט פאַרפומען;
אַ בלום פאַר מיר, פאַר דיר, פאַר זיי —
פאַר די, וואָס וועלן קומען!

# מיין ליד גייט אויף . . .

מיין ליד גייט אויף מיט יעדן זון-אויפגאַנג.
קלינגט מיין וואָרט צו אייך, אין שטראַל פון זון;
וואָלט איך וועלן, ליד מיינס זאָל דערגרייכן
וואו טיפער אומעט נאָגט און ס'קומט ניט צו די זון . . .

און עפנט זיך די מאָרגן-בלום מיט טוי פון דעם קאַיאָר
און בינען דורשטיקע דערקוויקן זיך מיט איר —
אַזוי וואָלט איך געוואָלט זאָל אָפּקלינגען מיין ליד
דורך יעדער שויב, ביי יעדער שוועל פון טיר . . .

אַזויפיל טרויער הענגט אויף טיף-פאַרמאַכטע שויבן . . .
אַזויפיל אומעט הענגט אין יעדן, יעדן הויז;
האָב איך היינט פאַרוועבט אין ליד דעם צער פון אַ פאַרסמטער וועלט
מיטן איכה'דיקן ניגון פון אַן אַלטער קלויז . . .

פאַר מיין פענצטער גייט די זון איצט אונטער, צונטער-רויט.
פאַרנאַכט איצט רייט אַראָפּ אין פרילינגדיקן בלוי;
טאָ ווייסט: עס מוז, עס וועט אַ גרויסער יום-הדין דאָ קומען,
ווי שפינוועבס וועט דער טרויער פון דער וועלט, צעגיין זיך אָט אַזוי;

מיין ליד גייט אויף מיט יעדן זון-אויפגאַנג.
קלינגט מיין וואָרט צו אייך, אין שטראַל פון זון;
וואָלט איך וועלן, ליד מיינס זאָל דערגרייכן
אומעטום, וואו ס'קומט ניט צו די זון . . .

כ׳בין דאָ, כ׳בין דאָרט, כ׳בין אומעטום,
מיין האַרץ פאַרנעמט דעם דינסטן, ווייטסטן ווייַ;
זינג איך מיטן ווייַ פון דאָ, פון דאָרט, פון אומעטום —
זינג איך מיטן רויטן בלימעלע פון טוי.

און צאַנקען צאַפּלדיקע לעבנס ערגעץ־וואו,
איז ליד־מיינס שטראַל פון הילף, פון לעבן און פון פרייד;
ס'איז מיינס, דאָס וואָגלדיקע, בענקנדיקע ליד
אויף טעלעגראַפן־דראָט, אין ווינטערדיקן פראָסט, צעשפּרייט...

און גייט אַ זון וואו אויף מיט מוטערלעכן שמייכל
און בליט אַ בלימעלע אַ ווילדס, אין שאָטן פון אַ בוים,
שוין שאַרן ערגעץ, ברידער איינגעבויגענע, דעם גיסנדיקן שטאָל
און רעוועט ים אין אויפגערעגטן שוים —

קלינגט דאָרט מיין ליד אַ לויטערע, געלייטערט...
אַ טרייסטנדע אַזאַ אין גלאַנץ פון קלאָרן טוי;
כ׳בין אַ וועבער און אַ וועכטער פון מיין וועבשטול —
באַוואַך און וועב די לידער מיינע אויך אַזוי...

כ׳בין דאָ, כ׳בין דאָרט, כ׳בין אומעטום —
מיין האַרץ פאַרנעמט דעם דינסטן, צאַרטסטן ווייַ;
זינג איך מיטן ווייַ פון דאָ, פון דאָרט, פון אומעטום —
זינג איך מיטן רויטן בלימעלע פון טוי!...

# ל י ד

האָט אַ פּאַסטוך, סטאַדעס שעפּעלעך געפּאַשעט אויף אַ לאָנקע,
האָט פאַרבלאָנדזשעט זיך אַ שעפּעלע — מען ווייסט ניט וואו;
פּייף מיין ברודער פּאַסטוך, פּייף דיין דוינע *) אויפן פלואיער *) —
אומרואיקער פון דיינע טענער, איז מיין אומרו אין מיין רו.

איך האָב קיינמאָל ניט קיין שאָף אין לאָנקע, ווען געפּאַשעט
און פאַרלוירן קיינמאָל ניט קיין שעפּעלע אין וועג;
דאָך זינג איך אויך מיר יעדן טאָג אַ דוינע, דוינע —
דוינעדיק פאַרבענקט איז ליד פון מיינע טעג . . .

ערגעץ טאַנצן איצטער יונגע שלאַנקע מיידלעך
אויף בערג אין גרין, אַ טאַנץ צום לאַכנדיקן פרילינג-בלוי;
איצטער, איצטער הער איך ווי עס פּלאַצן טויזנטער שראַפּנעלן
און ס׳לעשן זיך דאָרט אומשולדיקע לעבנס אויס אַזוי . . .

איצטער הער איך און פאַרנעם דאָ, ליד פון גוססדיקע קינדער —
צער פון אַלע מאַמעס פון אַ וועלט אין פלאַם;
שפּרייטן זיך פאַר מיר אויס טאָלן, לאָנקעס, פעלדער איינגעטונקענע
אין פרישן, הייסן, זודיקן רויטבלוט באַרויבטן פון מיין שטאַם . . .

האָט אַ פּאַסטוך סטאַדעס שעפּעלעך געפּאַשעט אויף אַ לאָנקע,
האָט פאַרבלאָנדזשעט זיך אַ שעפּעלע — מען ווייסט ניט וואו;
פּייף, פּייף מיין פּאַסטוך אויף דיין פלואיער איצט דיין דוינע —
אומרואיקער פון דיינע טענער, איז מיין אומרו אין מיין רו! . . .

---

*) „דוינע" — פאָלקס־ליד.

**) פלואיער — פייפל.

# איך קום צו אייך . . .

איך קום צו אייך מיט אָפן האַרץ און שמייכלדיקע אויגן.
גרייט בין איך פאַרנעמען אייער יעדן טיפסטן צער;
איך ווייס, דאָס לעבן איז אייך שווער, פאַרביטערט און פאַר׳סמ׳ט —
ס׳גוסס׳ט איצט די אַלטע וועלט, אין קאַמע און קאַשמאַר.

ס׳איז אַזויפיל זון אין דרויסן היינט פאַראַן
און ס׳לאַכן פאַר מיין פענצטער אַלע בלינדע ווענט;
כ׳וועל צעטראָגן היינט מיין פרייד פון זון וואָס שמייכלט אין מיין שטיב
און פאַרוויגן וויינענדיקע קינדער, מיט מיינע זינגענדיקע הענט!

ערגעץ אויף אַ שלאַכטפעלד פאַלן יונגע לעבנס.
פעלד מיט בלוט באַמיסטיקט, ווי מיט רויטן ווייַן;
ברידער מיינע, יונגע פרייהייט-קעמפער —
זאָל דאָס כאַטש דער לעצטער שלאַכט שוין זיין! . . .

איז פאַרנעם איך היינט אויך אייער לעצטן ציטער —
פאַרנעם דעם לעצטן אָטעם אייערן פון באַרג און טאָל;
וועל איך, ליד פון פרייהייט-קעמפער זינגען אין פאַרטאָגן,
ווי איך זינג פאַרנאַכט, מיין דוינע פון אַמאָל! . . .

איך קום צו אייך מיט אָפן האַרץ און שמייכלדיקע אויגן.
גרייט בין איך פאַרנעמען אייער טיפסטן צער;
כ׳ווייס, דאָס לעבן איז היינט שווער, פאַרביטערט און פאַרגאַלט - -
ס׳גוסס׳ט איצט די אַלטע וועלט אין קאַמע און קאַשמאַר!

# אַ גאַנצע נאַכט

אַ גאַנצע נאַכט האָט ווינט געריסן מיינע פענצטער
און חוצפּהדיק אַזוי היינט אַנגעקלאַפּט אין שויב;
ס'האָבן צייטונגען געבראַכט מיר היינט די נייעס,
אַז מענטשלעך-בלוט איז הפקר'דיקער נאָך פון שטויב . . .

אַ פּאַק מיט בריוו צו מיר היינט אָנגעקומען פון דער ווייט —
איז יעדעס וואָרט אַ טרער געליטערטע אין פּיין;
ס'לאַכט אַריין צו מיר אַזויפיל זון אין שויב
און פול איז צימער מיינס, מיט שמייכלדיקער שיין.

וואָלט איך זשמעניעס שיין און פּאַסן זון צעשיקט אויף גאָרער וועלט —
ווער ווייסט, אפשר וואָלט זיי ליכטיקער און פריילעכער געוואָרן;
צי אפשר גאָר, אויף שפּיץ פון העכסטן פעלז ארויפגעקלעטערט
און שיקן זיי מיין ליד אין שאַלן פון אַ האָרן? . . .

צעשפּרייט ליגט איצט, דער צער פון גאָרער וועלט, דאָ אויף מיין טיש—
אַזויפיל קינדערישע אויגן מאָנען רחמים דאָ ביי מיר;
וועל איך ברייטער פון אַ מאַמען נאָך, צענעמען מיינע הענט
און שטענדיק אָפן האַלטן מיין צעפּראַלטע טיר.

אַ גאַנצע נאַכט האָט ווינט געריסן מיינע פענצטער
און חוצפּהדיק אַזוי היינט אַנגעקלאַפּט אין שויב;
ס'האָבן צייטונגען געבראַכט מיר היינט די נייעס,
אַז מענטשלעך-בלוט איז הפקר'דיקער נאָך פון שטויב . . .

# ליד

איך האָב געזאָגט צום האַרץ מיינס, אַט אַזוי:
— „וואָס ציטערסטו און פלאַטערסט נאָכאַנאַנד?
עס שפּאַנט דאָך שוין מיין פרילינג אויף די וועגן —
איך פיל דאָך שוין דעם ריח פון ווילדע בלימעלעך ביים ראַנד ...“

נאָר גיי רעד צו אַ האַרץ, וואָס טראָגט דעם ווײ פון גאַרער וועלט
און צאַפּלט זיך אין דעם, ווי אַ פלאַטערל אין האַנט;
אין צאַרטסטן פרילינג-טאָג, איז וועג מיינער באַשטראַלט
פון בלענדנדיקער שיין און טיפן שאָטן — זאַלבענאַנד!

איך בין אַ בלום, איך בין אַ בוים און פּראָסטע גרינע גראָז — ..
זינג איך ליד צום באַרג און ליד צום טיפסטן טאָל;
דערפאַר האָב איך, פאַר דיר מיין וועלט, אַזויפיל קינדערישע פרייד —
און אַזויפיל טיפן אומעט, אויף דער זעלבער שאָל ...

עס אַקערט שוין מיין פויער דאָרט, זיין שטיקל פעלד אַצינד.
ער פירט זיין פלוג און טראַכט שוין, וואָס וועט זיין;
ווען קלעקן וועט ניט דאָרט, פאַרן הויז-געזינד צו-זאַט —
ווען הונגער וועט צעטאַנצן זיך אין ווינטער-שיין ...

איך האָב געזאָגט צום האַרץ מיינס, אַט אַזוי:
„וואָס ציטערסטו און פלאַטערסט נאָכאַנאַנד?
אַ פרילינג שפּאַנט אַרום שוין אויף די וועגן —
איך פיל דאָך שוין זיין דופט פון ווילדע בלימעלעך ביים ראַנד! ...

# איך טראָג אין זיך

איך טראָג אין זיך נאָך שטיקער שבת־קודש.
רו, פון מאַמעס ערשט־געבענטשטע ליכט;
טענער און אקאָרדן פון כל־נדרי
בלייבן זיך נאָך אויף מיין מאַט געזיכט . . .

ערגעץ אויף אַ בוידעם, צווישן אַלטע שמות,
וואַלגערט זיך איר תהילים׳ל, איר צאינה־וראינה שטום;
וויפיל פרומע טרערן ליגן דאָרט צעגאָסן —
הונגער־טעג אַזויפיל צניעות׳דיקע, פרום . . .

כ׳וועל מיין מאַמעס פנים, קיינמאָל ניט פאַרגעסן.
כ׳טראָג איר בלויען שמייכל צו דער וועלט אַרום;
און כאָטש ס׳טאָגן שוין די האָר אין זילבער ביי די שלייפן,
וואָלט איך, ווי אַ קינד נאָך צוגעפאַלן, צו איר שוים . . .

איך ווייס: ס׳ראַנגלט זיך אַ וועלט און צאַפּלט זיך אין טרויער —
צאַפּל איך זיך אויך אַזוי מיט מיט איר צער אָט דאָ;
טראָג איך אייך אַנטקעגן ליד פון מאַמע׳ס שבת־קודש —
גלויבן, אַז ס׳עט קומען, קומען אויך אַהער, די גרויסע שעה!

כ׳טראָג אין זיך נאָך שטיקער שבת־קודש —
רו, פון פרומער מאַמע׳ס ערשט געבענטשטע ליכט;
טענער פון אקאָרדן פון כל־נדרי
בלייבן זיך נאָך אויף מיין מאַט געזיכט!

## מיין טיר איז אָפן . . .

כ׳ווייס ס׳איז דיר אומעטיק, שוועסטער —
כאָטש ווערטער פאַרשטומסטו פאַר מיר;
ס׳איז אָפן מיין טיר צום געצעלט דאָ
און אָפן מיין האַרץ היינט פאַר דיר . . .

און רוישן די בלעטער אויף צווייגן
און קרוינשפּיצן וויגן זיך מיד —
ביי מיין אָפענער טיר אין געצעלט דאָ
דו זעץ זיך און הער אויס מיין ליד!

כ׳ווייס ניט צי ס׳וועט אין דיין אומעט
דיר גרינגער זיין דאָ־אָ ביי מיר?
כ׳ווייס נאָר, כ׳וועב אַלעמענס טרוימען
אין געצעלט, פאַר מיין אָפענער טיר!

קינדערלאַנד, מיטוואָך, יולי דעם 8טן, 1942.

## פאַרטאָג אויפן פאַרם

זון אויף בוים.
זון אויף פעלד.
אַלע בלומען לאַכן;
זינגט דער באַרג.
זינגט דער טאָל
אויף טויזנט, טויזנט שפּראַכן.

פויגל זינגט.
גרילט אַ גריל —
גראָזשפּרינגער אויף גראָזן;
קוואַקעט הון
קרייט דער האָן —
טאַנצן גרויע האָזן . . .

טוי אויף גראָז.
בלום אין טוי —
גלאַנצן גרינע בלעטער;
זינגט אַ שוואַלב
צום הימל־בלוי
אין פרימאָרגן וועטער.

מו־מו קו . . .
קעלבל שפּרינגט
רונד אַרום דער מאַמען;
לויפט אַ לאָשיקל
אין הויף
הירזשען פערד אין צאַמען . . .

מורמלט טייך.
וואָרקעט טויב —
פלאַטערט רונד אַרום;
גאָלדיק לאַכט
די זון אַראָפּ
אויף אַ „גאָלדשטויב" בלום.

פעילאַנד פאַרם, דעם 15טן אויגוסט,
1944, האָדסאָן, נ. י.

# שלעפערדיקע פייגעלעך

שלעפערדיקע פייגעלעך
קלייבן זיך אין נעסטן;
קלינגט דאָס גאַנצע פעלד אַרום
מיט געזאַנג פאַרמעסטן.

זינגען פייגל, זינגען ביימער —
בלויע בלעטעלעך רוישן;
הויכע בערג און טיפע טאָלן
מיט געזאַנג זיך טוישן.

גנבעט זיך פאַרנאַכט אַראָפּ
אויף די זומער-זאַנגען;
שווייגט דער באַרג צום טאָל אַראָפּ
אין אַ טרוים געפאַנגען . . .

טרוים פון באַרג און טיפן טאָל
איילן זיך פאַרמעסטן;
שלעפערדיקע פייגעלעך
שלאָפן שוין אין נעסטן.

שלאָפן ביימער, שלאָפן צווייגן —
שאַ, ניט וואַג זיי שרעקן;
אָטעם דיינעם, מענטש, האַלט איין —
קאָנסט חלילה וועקן . . .

רייט אַ ווייסע נאַכט אַראָפּ —
צויבערדיקע קלאַנגען;
זילבערט זיך לבנה־שיין
אויף די קאָרן־שטאַנגען.

זילבער־ליד פון ווייסער נאַכט
אויף פאַרטרוימטע בלומען;
שאָטן־שיין אין סוד פון פעלד —
ווער־זשע דאַרף דאָ קומען?

וועט זי קומען, צי ניט קומען —
בענקשאַפט מיינע, ווייסע;
זילבערדיקע זומער נאַכט —
זינג דיין צויבער מעשה...

טרוים פון באַרג און טיפן טאָל
איילן זיך פאַרמעסטן;
שלעפערדיקע פייגעלעך
שלאָפן שוין אין נעסטן...

פאַילאַנד פאַרם, 22טן אויגוסט, 1944.

# עמיצער וויינט אין דער נאַכט . . .

עמיצער וויינט אין דער נאַכט —
ווײַס איך ניט ווער און אַוואו ;
כ׳וויל האָפן, אַז די וואָס זי וויינט איז
ניט דו מיין געליבטע, ניט דו !

עמיצער לאַכט אין דער נאַכט —
ווייס איך ניט ווער און אַוואו ;
כ׳בין זיכער, אַז די וואָס זי לאַכט איז
ניט דו, מיין געליבטע, ניט דו !

עמיצער בענקט אין איר טרוים —
כ׳ווייס זיכער שוין ווער און אַוואו ;
אַ, האַרץ מיינס, זיי רואיק און שטום —
ס׳איז דו, מיין געליבטע, ס׳איז דו !

קינדערלאַנד, דעם 24טן אויגוסט, 1943.

# פרייד פון אַרבעט

וועקט דער פויגל אין פאַרטאָגן :
זעט סע הייבט שוין אָן צו טאָגן ;
קרייען הענער אויפן פּלויט :
פעלדער רופן שניידן ברויט !

רופן סעדער טרויבן קלייבן —
אויף זיסן ווײַן זײַ דאַרט צערײַבן ;
עפּל רויטע, באַרן געל —
הענגען צייטיק פאַר דער שוועל.

זון צעלאַכט זיך אויף די טאָלן —
זי וועט אונז מיט גאָלד באַמאָלן ;
קלייבט די פּרוכט פון יעדן בוים
ביז אָונט-בלויען רוים . . .

הייבט די האַנט זיך ווי א פעדער —
קלייבט מען פלינק די פּרוכט פון סעדער ;
ליד פון אַרבעט, ליד פון פרייד
אויפן באַרג און טאָל צעשפּרייט . . .

זינגען קאָסעס, קלינגען שטימען,
אײַלט מען זיך א „וועט" געווינען ;
שניידט מען, בינדט מען גיך דאָס ברויט —
באַלד פאַרגייט די זון אין רויט.

און ווען זון וועט שוין פאַרגיין
וועט מען זיך פון פעלד צעגיין ;
ווילדע בלומען אין די האָר
פאַר א נייעם טאָג אין יאָר ! . . .

קעמפּ קינדערלאַנד, 30טן יולי, 1943.

# מיר שפּאַנען

ווער מאַכט דאָס אַזאַ טומל?
וואָס שרייט איר אויף אַמאָל?
סע שרעקן זיך די האָזן
אויפן באַרג און טאָל! . . .

דאָס זיינען מיר, די אָדלער,
מיט פעדערן אין פלאָס;
פול בלוטיקע אינדיאַנער
פון דיקסי־טאַווי־שטאָם . . .

וואו שפּאַנען אינדיאַנער
פון קוקו־טאווי־לאַנד
מיט פייל און בויגנס לאַנגע
אָט־דאָ אין קינדערלאַנד?

מיט פייל און בויגנס לאַנגע
מיט „אַך" און „אָך" געשריי —
צו די בערג און טייכן
שפּאַנען מיר אין ריי.

טאָג דאָ — אַזאַ שיינער!
נאַכט — אין זילבער־שיין —
אין די רייען, ברידער
נעמט אונז אויך אַריין!

בלומען, ווילדע, צאַרטע —
ווייסינקע ווי שניי.
קומט מיט אונז, איר שוועסטער —
קומט מיט אונז אין ריי . . .

אַלע איצט צוזאַמען
לאָזן זיך אין וועג ;
ערגעץ זינגען פייגל —
ערגעץ רופט אַ ברעג ! . . .

צו אַ נייעם מאָרגן
פון דער זון צעהעלט,
שפּאַנען מיר צוזאַמען
צו אַ פרייער וועלט !

קעמפּ קינדערלאַנד, יולי, 1943.

# קום, לאָמיר טרוימען צוזאַמען . . .

קום, ס'איז די נאַכט אַזאַ ווייסע —
לבנה דאָ לאַכט אויף מיין שוועל ;
סע ציליעוועט נאַכט אירע מעשיות —
ווי קינדער, אַ קרעל נאָך אַ קרעל.

און „באַסנעס" דערציילן די ביימער
אין גאָלד פון לבנה באַצירט ;
אויף לויטערע רוימען מיט שטערן
אַ וואָלקנדל דאָרטן שפּאַצירט.

קום, לאָמיר טרוימען צוזאַמען —
ס'איז שטאַרקער אין צווייען דער טרוים ;
די פליגל צעשפּרייטן און פליען
ווי טויבן אין גאָלדענעם רוים.

קום, לאָמיר בענקען אינאיינעם —
ס'עט גרינגער די בענקשאַפט אונז זיין ;
דו זינג מיר — אָ, שוועסטער — לעגענדעס
אויף שוועל מיט פאַר'כישוף'טער שיין.

קום שוועסטער און שווייגן צוזאַמען —
ווי ס'שווייגט איצט אין פעלד דאָ מיין בוים ;
ווען הארץ איז אין בענקשאַפט פאַרבלויט —
איז גרינגער אין צווייען דער טרוים . . .

קעמפּ קינדערלאַנד, 22טן אויגוסט, 1942.

# איך זע דיך, מיין דערפל

איך זע דיך, מיין דערפל, מיט פֿויערשע כאַטעס,
מיט שטרוי־דעכלעך נידעריקע — דערלאַנג מיט אַ האַנט,
מיט ליימענע פּריזבעס אַרום יעדער הייזקע —
מיט ווייס־אָפּגעקאַלעכטער פֿאַדערשטער וואַנט . . .

מיט פֿענצטערלעך קליינע, פֿאַרשטעלטע מיט בלומען־טעפּ,
אַן עפּל־בוים וויגט זיך ביים שוועל פֿון דער טיר;
אַ נעסט פֿון שוואַלבן גלייך איבערן פֿענצטער —
אַ בושל־נעסט אויבן, מיט קינדערלעך פֿיר . . .

— — — — — — — — — — — — — — — —

איך זע דיך מיין דערפל מיט פֿויערשע כאַטעס
אין האַרבסט־טעג, אין שפּעטע פֿאַר׳חלומ׳טע־שטום;
צעריסענע בלומען אַרום יעדער פּריזבע
אין האַרבסטיקע ווינטן וואָס טאַנצן אַרום . . .

איך הער נאָך אָט איצטער די „דווינע״ זיך ציען
פֿון ערגעץ אַ „פֿלואיער״ אין שטילקייט פֿון נאַכט;
צעריסענע בלומען אין פֿעלד ביי מיין שוועל דאָ —
מיט אייך האָט ווידער מיין בענקשאַפֿט דערוואַכט.

קעמפּ קינדערלאַנד, 13טן אויגוסט, 1942.

## שפיל ציגיינער

מיט בליקן וואָס ברענען, ווי גליענדע קוילן —
מיט טאַנצנדע טריט אויף בריענדער ערד;
פאַרפלאָכטענע צעפּ איבער אַקסלען באַבלומטע
יאָגט זיך ציגאַנקע, ווי ווינטן, אויף פערד.

איז טאַנץ מיר, ציגאַנקע, אַ „פּאָלקע־מאַזורקע״ —
ציגיינער — שפּיל שנעלער אויף פידל אין פעלד;
זאָל ערד זיך צעטאַנצן און הימל און שטערן
ביים פייער צעצונדן, ביים שוועל פון געצעלט...

ס'איז שטיל שוין אין פעלד איצט... ס'רוישן נאָך ביימער —
סע היט נאָר די מחנה, לבנה אין שיין־גלאַנץ;
ציגאַנקע איז וואך נאָך, מיט טרוימישע אויגן,
מיט פייער אין גלידער, מיט האַרץ נאָך אין טאַנץ...

אָ, חנ'עוודיק מיידל — ציגאַנקע, דו, מיינע —
מיט גליענדע אויגן און לייב דיינס אין פלאַם;
כ'זע דיך אָט איצטער אין שיין פון לבנה
און הער דיך פאַרציען דאָס ליד פון דיין שטאַם...

פאַרמאַך איך די אויגן דיך בעסער דערקענען —
זאָל ליד דיינס נאָך קלאָרער דערגיין דאָ צו מיר;
זינג העכער, זינג שטאַרקער דיין ליד היינט, ציגאַנקע,
ס'איז אָפן מיין האַרץ נאָך — ווי מיין אָפענע טיר...

קעמפּ קינדערלאַנד, אויגוסט, 1942.

## נאַכט איז טיף און צאַרט

נאַכט איז טיף און צאַרט —
נאַכט איז טרוים אין רו;
דו, נאָר דו, מיין האַרץ --
ווי אומרואיק ביסטו?

נאַכט איז בלוי און צאַרט —
סודות׳דיקע נאַכט;
ס׳שלאָפט די בלום אין פעלד —
נאָר מיין האַרץ נאָך וואַכט . . .

ס׳פאַלט שוין טוי אויף בלום,
עס זינגט שוין אויף מיין דאַך;
וועמעס שומר ביסטו,
האַרץ מיינס אויף דער וואַך? . . .

קעמפ קינדערלאַנד, 9טן יולי, 1942.

# בענקשאַפט פון נעכטן . . .

בענקשאַפט פון נעכטן,
געזאַנג אויף מיין ליפּ ;
צעריסענע בלומען
אויף הייַנטיקע טריט . . .

נעכטן — פאַרלאָפן !
הייַנט — שוין אַוועק ;
און ס׳רייַט שוין אַ „מאָרגן“
אויף ערגעץ אַ וועג . . .

בענקשאַפט פון נעכטן,
ווי שוואַלבן אין פלי —
דער האַרבסט איז געקומען
צו פרי נאָך — פאַרפרי ! . . .

פון דער סעריע

# „קינדערלאַנד“

אַריינפיר:

# ניין, מען דאַרף ניט . . .

(איטשען — אַ מתנה)

איר טוליעט זיך צו מיר, ווי הינדלעך צו דער קוואָקע
ווען ס'לויערט אַ געפאַר אין זומער־טאָג אויף זיי:
אַזוי לויטער היינט דער הימל איבער פעלדער
און ס'שמעקט פון זיי מיט פריש־געקאָסעט היי.

אַזוי פאַראומערט דיינע בלויע־גרינע אויגן, קינד.
און פאַלט מיין בליק אויף זיי, דערזע איך טרערן גלאַנצן:
וויין ניט קינד, מען דאַרף ניט און מען טאָר ניט —
היינט, ווען בלויע העזלעך, אויף די ווייסע פעלדער טאַנצן.

דו זעסט: איך גלעט דאָס קעפל דיינס מיט מיינע הענט
און מיך וואַרגט אויך אַ קנופּ אַצינד;
שאַ, מיין קינד, מען דאַרף ניט און מען טאָר ניט —
אַ גרין־געל פייגעלע וועט קומען באַלד, געשווינד.

בלוי און בלויער רייט פאַרנאַכט אויף וויאָלעטע פעלדער.
הער, ווי שטום ס'שווייגן ביימער פאַר דער טיר:
וויין ניט, וויין ניט, ניין, מען דאַרף ניט און מען טאָר ניט,
ביי דיין בעטל שטייט אַ ח ב ר לעבן דיר . . .

# „קינדערלאַנד"

.1

מיין „באַדי" אין וואַסער ביים שווימען.
מיין חבר, אין באַנגאַלאָ־שפּיל:
דיין האַנט גיב מיר שנעלער אין וואַסער
אָן טומל, אָן ווערטער, גאַר שטיל.

מיין „באדי" אין וואַסער ביים שווימען,
צי הערסטו דאָס פייפל, צי ניין?:
שנעלער דיין האַנט — נאָ דיר מיינע —
לאָז קיינמאָל מיך איבער אַליין!

און לאָמיר זיך ביידע איצט לאָזן
אַ שווים טאָן פאַראויס און פאַראויס:
ס'איז זון ערשט אין מיטן פון הימל —
נאָך גרויס איז דער טאָג דאָ, נאָך גרויס!

.2

אויף אַ בערגל, שטייט אַ אינגל —
ווייסט ניט קיינער וואָס ער וויל:
און אין טאָל, מיט ווילדע דייזים
שפּילן קינדער זיך אַ שפּיל.

שטייט דאָס אינגל אויפן בערגל
אַ פאַרטראַכטער ווייט, ווייט, ווייט:
אויף אַ ווייסן בער אין הימל
שטיפט אַ וועווערקע פאַרשייט.

ציען וואָלקנס אויפן הימל
שפּילן זיך אין זומער־זון:
אָט אַ פּאַלאַצל פון אייז־בערג
און אָט לויפט אָן אַ ווייסע הון.

ווייסע וואָלקנס, ווייסע בערן —
אַט אַ העלפֿאַנט, לאַנגע־נאָז:
ווייסע שאָף און ווייסע אָקסן
פֿאַשען ווייסע וואָלקן־גראָז.

אַט געווען און אַט פֿאַרשוואונדן —
אַט אַ זעברע לאַנגער־האַלדז:
פֿאַרלעך טאַנצן, טאַנצן, טאַנצן
אויף די וואָלקנס דאָרט, אַ וואַלץ.

יאָגן וואָלקן זיך נאָך וואָלקן
בלייבט אַ קלאָרער הימל־בלוי:
שטייט דאָס אינגל אויפֿן בערגל
אַ פֿאַר׳חלומ׳טער אַזוי.

.3

פֿלאַקער פֿייער, פֿלאַקער
פֿלאַמען אין דער נאַכט:
רונד אַרום דעם פֿייער
קינדערלעך פֿאַרטראַכט.

פֿלאַקער, פֿלאַקער פֿייער
פֿלאַמען אין דער הויך:
שיט די רויטע פֿונקען
מיט דיין בלויען רויך.

רונד אַרום דעם פֿייער
קינדערלעך אין טאַנץ:
אויף די יונגע קעפּלעך,
בלימעלעך אַ קראַנץ.

נאַכט איז אַזאַ שטילע,
הימל אַזוי בלוי:
אויפן הימל פינקלען
שטערן אַט אַזוי.

נאַכט אַזאַ פאַרקלערטע,
פעלדער אַזוי שטיל:
צווישן בלויע שיפלעך
זינגט אַ ווינטל, קיל.

פלאַקער פייער, פלאַקער —
קיינמאָל ניט פאַרגיי:
ס'שמעקט איצט פון די פעלדער
פריש-געקאָסעט היי.

מיט די רויטע פלאַמען,
מיט די פונקען הויך —
פליען אין דער לופטן
קינדער-לידער אויך!

.4

קרייען הענער אויף אַ פאַרם
אין דעם מאָרגן-רויט:
וויגט דער ווייצנזאַנג אין פעלד
זאַנגען גאָלדיק-ברויט.

זינגט דער ראָבין-פויגל הויך,
שמייכלט פעלד מיט גראָז:
אויף אַ סטעזשקע לויפט פאַרביי
שרעקעוודיקער האָז.

דרימלט, דרימלט נאָך דער טייך,
דרימלט בוים ביים ברעג:
נאָר די זון שפּאַצירט אַרום
אויף אַ בלויען וועג.

.5

קושט זיך זון מיט שפּיץ פון ביימער,
רוישן בלעטער פול מיט פרייד:
לאַכט דער טאָג און רוישט מיט לעבן —
בלום און בוים, אַ טענצל גייט.

לאָמיר איצט אויך גיין אַ פריילעכס,
שוועסטער, ברידער, אַלע, היי —
פעסטער, שטאַרקער הענט אויף אַקסלען
אין אַ פריידיקן געדריי.

אָט אַזוי אין טאַנץ געגאַנגען
און פאַרטאַנצט די זאָרג און נויט:
טאָג פאַרגייט? קומט אָן אַ צווייטער —
העל און פריש, ווי מאָנבלום רויט.

.6

באַלד וועט גיין אַ שטורם־רעגן —
רוישן אַלע ביימער:
ס'איז די זון פאַרשטעלט מיט וואָלקנס —
גרויע, ווי די שטיינער.

אויף די שטיינער — גרויע וואָלקן
רייט אַרום אַ רייטער:
טרייבט ער טויזנט שוואַרצע פערד
מיט די בייטשן, קנאַלט ער.

יאָגן זיך די ווילדע פערד
אויף די הימלען גרויע:
רוישן ביימער אין אַ שרעק
רוישן פעלדער בלויע.

קנאַלן בייטשן, ציטערט פעלד —
הילכן אָפּ די טאָלן:
פאַלן בליצן פונעם באַרג
אין די בלויע טאָלן.

פּלוצלונג, גיט אַ רעגן פּליוך —
ווי פון טויזנט פעסער:
עמיצער צעשניידט די וואָלקן
מיט אַ בליציק מעסער.

קנאַלן בייטשן, דונערט קנאַלט —
קנאַלט דער שטורם־רעגן:
טויזנט טייכן אויפן פעלד
יאָגן זיך אויף וועגן.

7.

אָ, גאָלדענער טייך מיט גאָלדענע שיפלעך —
אָ, גאָלדענע שפּיצן פון בוים:
ווי פיינלעך צעשיידט זיך דער טאָג מיטן טייך
און זינגט איצט אין גאָלדיקן רוים.

און ס׳וויגט זיך מיין שיפל אין גאָלדיקע רוימען
מיט כוואַליעס פאַרוויגטע אין ווינט:
מיט בליקן צעפּראַלטע און אָטעם פאַרכאַפּטן
פאַרנעם איך דיין שיינקייט אַצינד.

סע מוז נאָך אַ טאָג, אַ נאַכט אַראָפּקומען
און ס׳וועט מערער ניט קומען דער טאָג שוין צוריק.
סאַלוט דיר, אָ, טאָג וואָס פאַרגייסט אַזוי גאָלדיק —
דו ביסט אין מיין היינט, צו מיין מאָרגן, די בריק.

8.

דערצייל מיר אַ מעשה, העי, פּאַסטוך
מיט טויזנטער שאָף אין געצעלט:
ווי לעמעלעך יונגע דאָ שפּרינגען
די קינדער אין פעלד.

און לויפן און שטיפן פאַרשייטע
און טאַנצן און שפּרינגען אין טאָל:
דערצייל מיר אַ מעשה, העי, פּאַסטוך
מיט שעפעלעך טויזנט אין צאָל.

איך זע דיך צעלייגן אַ פייער
און זיצן מיט פּים הינטער זיך:
ביים פלאַם פונעם קנאַקנדן פייער
ציסטו אַ ניגון פאַר זיך.

9.

פאַרטאָג, זיינען בלומען און גראָז
באַדעקטע מיט טוי:
ווער האָט, דימענטן אויף בלעטער דאָ,
צעהאַנגען אָט אַזוי?

שמייכלט שוין אַראָפּ די זון
אויף דימענטן אין טוי:
שיינען זיי און גלאַנצן אין מיין קעמפּ
מיט טראָפּן הימל־בלוי.

דימענטן פון לויטערן פרימאָרגן,
דימענטן אין רעגנבויגן־קאָליר —
כ׳וואָלט אייך וועלן, שטענדיק, שטענדיק
גלאַנצן פאַר מיין טיר . . .

.10

אַלע קינדער שפּילן זיך
טיר און טויער אָפן,
קומט אַ ווינטעלע, אַ קילס,
לייגט די קינדער שלאָפן.

שלאָפן קינדער. נאַכט איז שטיל —
יעדע נאַכט — אַ מעשה:
שטערן גרויסע, ליכטיקע
פינקלען זיי אַ מעשה.

מעשה, מעשה, מעשה׳לע —
פעלדער פול מיט בלומען:
וועלן גוטע, ליבע געסט
פאַר די קינדער קומען . . .

.11

ווי שיין איז די זון היינט פאַרגאַנגען
אין פורפורנע קליידער געקליידט
און גאָלדענע וואָלקנס אין מערב
זיי האָבן די זון היינט באַגלייט.

האָבן בערג זיך געזונדן אין פלאַמען
און ביימער אין בלויען געצירט:
אין טאָלן פאַרשלייערט אין בלויען
אַ בענקשאַפט האָט דורכשפּאַצירט.

אַן אָדלער, אַ רויטער, אין מערב
געדרייט האָט זיך רונד, רונד אַרום:
אַרונטערגעלאָזט האָט פאַרנאַכט זיך
פאַרוויגן די גראָזן און בלום.

.12

גייען מיר אין וואַלד אַריין
קלייבן בלומען ווילדע:
שפּאַנט מיט אונז אויך מיט די זון
אַזאַ העלע, מילדע.

קומען מיר אין וואַלד אַריין,
רוישן אַלע בלעטער —
רעדט אַ זילבער-קוואַל צו אונז
זילבער-קלאָרע ווערטער.

שטיל און שטילער ווערט אין וואַלד —
גראָזן זיך פאַרוויגן:
גוט אַזוי אין מיטן וואַלד
אויפן גראָז דאָ ליגן.

.13

קליינע אינדיאַנער זיינען מיר.
ס'איז אונזער דאָרף ביים ווייסן וואַסער-ברעג:
זיצן מיר מיט פּיסלעך אונטער זיך
ווען זומער-טאָג דאָ לאָזט זיך אין זיין וועג.

מיר זיינען קליינע אינדיאַנערלעך.
שענסטע פעדערן באַפּוצן אונזער קאָפּ:
טאַנצן מיר אַזוי אַ קאַראַהאָד
ווען די זון שפּאַצירט זיך באַרג אַראָפּ.

און פאַרנאַכט, ווען זון איז שוין פאַרגאַנגען
ליגן מיר אַ פייער אויס פאַרן געצעלט:
פלאַמט דאָס פייער, קנאַקן אַלטע צווייגן
און פונקען פליען ווייט איבערן פעלד.

.14

טראָגן זאַלץ מיט ברויט אַנטקעגן,
שפרייטן ווייסן-זאַמד אויף וועגן:
ביז עס טאָגט דער טאָג דער נייער,
זיצט מען רונד אַרום דעם פייער.

רייבט מען אָן אַ נאָז אין נעזל,
און מען קלאַפּט זיך אָן אין שטערן
און מען בייט זיך מיט די ליולקעס
גוטע ברידער זאָל מען ווערן.

טאַנצן טעכטער ווילד און ווילדער
רונד אַרום, אַרום דעם פייער:
טאַצן, פּלאַצן: צימבלען-גרימבלען
אין אַ ווילדן טאַנץ זיי ווירבלען.

# אין קעמפ

.1

איז דאָס צימער אויסגעקערט,
דאַרף מען אויסוואַשן דעם דיל:
רייב איך פלייסיק מיט דער „מאָפ" —
אימער דאַרף זיין ריין און קיל.

עמער פול מיט בלויע וואַסער
ווינקט צו מיר דאָרט אין דער שטיל:
ריין וועט ווערן, אַז מ׳עט קאָנען
קלייבן פּערל אויפן דיל!

.2

בעזים, בעזים, לאַנגער בעזים,
קער דאָס צימער אויס פאַר מיר:
ווייל דער בעזים מיך ניט פאָלגן
שטייט ער, שטייט ער ביי דער טיר!

נעם איך אָן דעם לאַנגען בעזים
קער אויס צימערל אַליין:
קער און קער און ס׳ווערט דאָס צימער
אַזוי זויבער ריין און שיין!

.3

דרימלען שיפלעך שטילע.
וואַסער אָטעמט קוים:
מיטן קאָפּ אין וואַסער
באָדט זיך אויס אַ בוים.

שלאָפן נאָך די שיפלעך
לעבן ווייסן „דאָק":
אויף די נאַסע שטיינדלעך
דרימלט איצט אַ „ראָק"!

4.

כ׳האָב זיך היינט מיט טייך געזעגנט
און צו אים אַזוי געזאָגט:
טייך מיין ליבער, קלאָרער, בלויער,
אַזאַ בענקשאַפט נאָגט מיך, נאָגט.

כ׳וועל דיך קיינמאָל ניט פאַרגעסן —
איך וועל חלומ׳ען פון דיר:
זייט געזונט, איר בערג און טאָלן —
מאַמע־ערד, מיין ליד צו דיר! . . .

5.

כ׳האָב דעם ווינט פון פעלד געבעטן:
ווינט דו, פרייער, הער מיך אויס:
זיי אַ גוטער, פיינער חבר,
רייס ניט מיינע בלומען אויס!

בלאָז ניט אַזוי שטאַרק און ברוגז –
שרעק ניט פייגל אין דער נעסט:
אין מיין גאָרטן, פייגל זיינען
אַזעלכע ליבע, גוטע געסט!

6.

די שקאַפע האָט אַ לאַשעקל.
דאָס קיעלע — אַ קאַלב:
האָרט ביים דעכל פונעם שטאַל
האָט אַ נעסט — די שוואַלב.

די ציגן האָבן ציגעלעך.
און לעמעלעך — די שאָף:
אַלע גוטע קינדערלעך
חלומ׳ען אין שלאָף.

7.

היינט האָב איך געזען,
ווי מען אַקערט מיט אַ פּלוג די ערד:
דעם פּלוג האָבן געשלעפּט
צוויי אויסגעדאַרטע פערד.

זיינען ביי די זייטן פּלוג
אַזעלכע שטיקער ערד צעשניטענע געבליבן:
האָט מען מיט אַ בראָנע
זיי אויף שטיקעלעך צעריבן.

8.

פאַר מיין פענצטער, בלויט אַ באַרג זיך —
ציען סטעזשקעס זיך אַהין:
שיק איך יעדן טאָג אים גרוסן
אויף די פליגל פון אַ בין.

אַזוי הויך איז באַרג דער בלויער
פול און פול מיט סאָסנע וואַלד:
פליענדיקע פייגל מיינע —
זאָגט אים, זאָגט אים, איך קום באַלד.

9.

כ'האָב אַ רויז היינט אָפּגעריסן —
אַזאַ רויטע, רויטע רויז:
אין אַ פלעשל פרישע וואַסער
אַוועקגעשטעלט זי אין מיין הויז.

וועל איך זען די רויז זאָל בליען
אויפן טישל פאַר מיין שויב:
כ'וועל באַשפּריצן זי מיט וואַסער
און פאַרהיטן זי פון שטויב.

קעמפּ קינדערלאַנד, סעפּטעמבער 1939.

# פון דער ווייטנס

1.

היינט האָט זיך מיין קעמפּ שוין אויפגעכאַפּט פון שלאָף,
האָט ער דערזען אַ ראָבין אויפן בוים:
ס׳בלויעט זיך נאָך דער לעצטער שניי אויף פעלדער
און קריעס יאָגן זיך אין פרילינגדיקן שוים.

נאָר זוניק איז מיין קעמפּ אין לעצטע ווינטער־טעג:
וויגן ערשטע פרילינג־ווינטן דאָ, מיין סילוועך־טייך, ביים ברעג
ציטערט אַ פרי בלימעלע ביים ראַנד
און מיינע וועווערקעס זיך שפּילן שוין אין מיטן וועג.

דרימלען נאָך די באַנגאַלאָס מיט זון באַגאָסן,
גרויע האָזן, פאַר די טירן, שטייען וואַך:
קיינער, קיינער וועט ניט שרעקן, וועט ניט וועקן
ווען ס׳דרימלט נאָך, דער לעצטער שניי אויף דאַך.

ניו־יאָרק, 22טן פעברואר, 1940.

2.

כ׳בין היינט דער זון אַנטקעגן געגאַנגען
אויף די גאַסן פון מיין רוישנדיקער שטאָט:
מיט פרילינג־טרוים אין מיינע בלויע אויגן
און פרילינג לידער אין מיין זינגנדיקן טראָט.

אין רוישן־ראַש פון שטאָט ווערט טרוים צעגאַנגען.
ס׳דערהערט דאָ קיינער ניט מיין פרילינג־ליד.
האָב איך אַזוי געבענקט נאָך דיר מיין זינגנדיקער קעמפּ
מיט ציטער אין אַ יעדן ציטערדיקן גליד.

כ׳ווייס אַז דאָרט ביי דיר נאָך רויכערט זיך דער שניי,
דאָך האָב איך שוין דערהערט דיין ערשטן פרילינג־ווינט:
מיין ליד צו דיינע בערג אין זינגנדיקע טאָלן
צום ערשטן בלימעלע, וואָס ציטערט נאָך אַצינד!

ניו־יאָרק, 23טן פעברואר, 1940.

## פרילינג־טאָג:

.1

פרילינג-טאָג,
פרילינג-טאָג,
זון אויף בוים און ווענט:
ווען די קינדער
פרייען זיך,
פּאַטשן, פּאַטשן הענט . . .

פרילינג-טאָג,
פרילינג-טאָג,
קינדערלעך אין גאָרטן
גראָבן בייטן
און פּאַרזייען
בלומען אַלע סאָרטן . . .

.2

אויף אַ גרינעם שטעקן,
רייט דער פרילינג אָן:
פונעם שניי דעם לעצטן
לאַכט זיך אויס דער האָן.

האַלט נאָך אין איין קרייען —
קרייעט יעדע שעה:
גיט דער וועלט צו וויסן —
פרילינג איז שוין דאָ.

גיט דער וועלט צו וויסן —
פרילינג רייט אַרום:
אונטער לעצטע שנייען
שמייכלט שוין אַ בלום.

.3

בלימעלע אויף פעלדער —
בלעטעלע אין גרין:
אויף די פענצטער־שויבן
זשומעט שוין א בין.

אונטער בלויע הימלען —
טויבן אין דער הויך:
פון א רויטן קוימען
שלענגלט זיך א רויך.

שניידט אן אקער־אייזן
ערגעץ אויף די ערד:
ערשטע פליגן שטיפן
מיטן ווייסן פערד.

.4

וועט מען באלד פארזייען
בלומען פארן הויז:
וועט אין מאי שוין בליען
א רויט־רויטע רויז.

רייט ארום דער פרילינג
אויף דער גארער וועלט:
אוים, אוועק דער ווינטער!
אוים, די ווינטער־קעלט!

עפנט אלע פענצטער —
טיר און טויער — שנעל:
זעט, דער יונגער פרילינג
לאכט ביי יעדער שוועל.

.5

עפנט אַלע שויבן —
לאָזט די זון אַריין:
אין די קעלער־שטיבלעך
שמייכלען זאָל איר שיין.

זאָלן אַלע קינדער
אויף דער גאַס אַרויס:
גיט דער וועלט צו וויסן —
ווינטער איז שוין אויס!

קלינגט אין אַלע גלעקער —
שפּילט היינט אויפ׳ן פלייט.
פרילינג אויף די פעלדער
האָט זיך שוין צעשפּרייט.

# אַ שפּאַס

בליען ערגעץ אויף אַ פעלד
בלויע-געלע בלומען:
מוישעלע-קוישעלע לאַמפּ-פּאַפּיר
איז אין קעמפּ געקומען.

בליען ערגעץ אויף אַ פעלד
ווילדע, רויטע — רויזן:
מוישעלע גייט אין קעמפּ אַרום
און פאַרלירט די הויזן.

ציט ער, ציט ער זיי אַרויף
מיט די קליינע הענטלעך:
מוישעלע טראָגט צוויי געלע שיך
מיט צוויי שוואַרצע בענדלעך.

פון דער סעריע

# „לידעלעך קליינע“

## לידעלעך קלײנע:

לידעלעך קלײנע,
פֿאַר דיר און פֿאַר איר:
אַ זון מיט אַ רעגן
לאַכט אין מײן טיר.

לידעלעך קלײנע,
פֿאַר איך און פֿאַר זײ:
טײבעלעך לאַכן,
וואָרקן אויף הײ . . .

## אינדיק, אינדיק:

כ'האָב אַ טרובע,
בלאָז איך, בלאָז:
אינדיק האָט
אַ לאַנגע נאָז . . .

טראָגט דאָס גענדזל
רויטע שיך:
שווימט עס, שווימט עס
גיך, גיך, גיך . . .

## איזל, לאַנגע אויערן:

איזל, לאַנגע אויערן,
אַרבעט אין דער מיל:
שלעפּט אַ וואָגן, קלעצער,
שפּאַנט פּאַמעלעך, שטיל.

פערד, מיט קורצן עק —
שלעפּן צו די מילן
פולע קאָרן־זעק.

## טשערעפּאַכע גרינע:

טשערעפּאַכע גרינע,
מיטן גראָבן קעסטל,
גייט אַרום שפּאַצירן —
פיס און הענט — אין וועסטל.

טשערעפּאַכע-פּאַכע —
שטיבעלע פון האָרן —
האָסטו גאָרניט מורא
מ'ע'ט דיך איבערפאָרן?

## הירש מיט לאַנגע הערנער:

הירש מיט לאַנגע הערנער,
הירש מיט פלינקע פיס —
האָסטו גאָרניט מורא
פאַרן וואָלפ'ס אַ ביס?

שפּרינגסט אַרום אַ פרייער
אין דעם אַלטן וואַלד:
זאָג, אין טעג פון ווינטער,
איז דיר גאָרניט קאַלט?

## מילן, מאָלט:

מילן, מילן,
מאָלט אָפּ מעל:
ווייץ, איז ווייס
און קאָרן — געל.

ביז די זון
וועט אויפגיין רויט —
וועט דער בעקער
באַקן ברויט.

## ים און זאַמד:

ים און זאַמד.
זאַמד און ים.
קינדער שפּרינגען
האָפּ-טשים-טשאַם.

זאַמד איז ווייס.
ווייסער זאַמד.
טאַנצן קינדער
האַנט אין האַנט.

## דאָרשטיק:

דער קאָרן איז דאָרשטיק
קיין רעגן געווען:
די מייערלעך אויך ניט
דעם רעגן געזען.

די ציבעלעך טרויעריק
און שטויביק דאָס קרויט:
אויף פעלדער זיך צייטיקן
לאַנען מיט ברויט.

## סאָווע:

לאַך־פויגל, לאַך־פויגל,
לאַך־לאַך־לאַך,
ווּעסטו לעבן טעג אַסך.

גוטע קינדער וועק ניט, וועק.
יונגע פייגל, שרעק ניט, שרעק
מיט דיין קורצן פעדער־עק.

## פיק־האָלץ, פיק־האָלץ:

פיק־האָלץ, פיק־האָלץ
אויפֿן בוים —
הויך, אַז מען
דערזעט אים קוים.

פּיקט און זינגט
און זינגט און פּיקט:
קריכט אויף גלייכן בוים
ג ע ש י ק ט!

## האָן מיט רויטן קעמל:

האָן מיט רויטן קעמל,
האָן, מיט שפּאָרן צוויי —
ווער וועקט ווי אַ זייגער?
און ווער לייגט אַן איי?

האָן מיט באַקן־בערדלעך
קוקורעקו שרייט:
שפּאַנען אַלע הינער
רואיק ביי זיין זייט.

## קו, קו, רויטע קו

ערגעץ־וואו,
ערגעץ־וואו,
פּאַשעט זיך אין פעלד
אַ קו.

מו־מו־מו,
מו־מו־מו,
רופט דאָרט עמיצן
די קו.

רויטע קו,
ווייסע קו —
וועמען רופסטו
מו־מומו ? . . .

## פאַרטאָג :

טוי אויף בוים
און טוי אויף גראָז :
ערשט איז דאָ
פאַרביי אַ האָז.

האָזל־העזל,
נעזל־האָז —
שפּאַנען קינדער
אום אין גראָז.

## שווימט אַ שיף:

אויפן וואַסער —
וואַסער טיף —
שווימט זיך, שווימט
אַ ווייסע שיף.

שיפן ווייסע
אויפן טייך,
נעמט מיך, נעמט מיך
מיט, מיט אייך! . . .

## דער טאָג איז קליין:

דער טאָג איז קליין
און לאַנג איז די נאַכט:
דער פראָסט האָט אויף שויבן
אַ וועלדל געמאַכט.

אַ וועלדל מיט ביימער
מיט בלומען אין ווייס,
מיט הירשן און בערן
און פוקסן פון אייז.

## ווען די נאַכט איז בלוי:

ווען די נאַכט איז בלוי
און ס'איז שטיל אַזוי —
ציל-ציל-ציל
זינגט אין פעלד אַ גריל.

וויגט זיך וואו אַ גראָז,
לויפט פאַרביי אַ האָז
שרעקט זיך פאַר דער גריל —
שטיל, שטיל, שטיל . . .

## לויפן הירשן:

לויפן די הירשן
אויף שויבן פון אייז:
טאַנצן די בערן און פוקסן
אין וויים.

בליען די ביימער און
בלומען אין בלי:
אין פראָסטיקן וועלדל
פאַשען זיך קי . . .

## זיידע־באָבע:

דער פראָסט איז אַ באָבע
דער ווינטער — אַ זיידע:
אויף גאַסן, אַ טענצעלע
גייען זיי ביידע.

סקריפּען די שיכלעך
און גליטשען זיך גליטשען:
פאַרפרוירענע טרערן
אין אויגן זיי בלישטשען!

## אין אַ וויגל:

אין אַ וויגל
שלאָפט אַ קינד
און אין פענצטער
שרייט דער ווינט.

דעקט זיך קינדער,
דעקט זיך איין
וועט אייך גוט
און וואַרעם זיין!

## ווינטער־פראָסט:

ווינטער־פראָסט
אויף ווייסער וועלט:
איז אין הויז ניטאָ קיין קוילן,
טאַנצט אַרום די קעלט.

ציטערט קינד און קעצל ציטערט
און די ליאַלקע וויינט פאַר קעלט:
ביטער איז אין הויז אָן קוילן
אין אַ קאַלטער, ווייסער וועלט!

## אויף אַ בערגל:

אויף אַ בערגל, לויפט אַ ווינטל,
לויפט עס, לויפט עס באַרג אַרויף:
אייל זיך ניט אַזוי מיין ווינטל,
קינדער שפּילן זיך אין הויף!

האָבן זיי נאָך ניט קיין מאַנטלען
און זיי גייען באָרוועס בלויז:
אייל ניט ווינטל, וועסט פאַריאָגן
אַלע קינדערלעך אין הויז!

## אַזאַ ווינטער:

אַזאַ ווינטער, אַזאַ ווינטער!
ניט קיין שניי און ניט קיין אייז:
ניט מען זעט קיין ווייסע דעכער
און קיין ביימער היינט אין ווייסן.

איז היינט ווינטער? זאָל עס שנייען!
זומער? זאָל אַ רעגן גיין!
אויך מיר ווינטער היינט אין דרויסן —
ס'אַראַ ווינטער, פֿע, ניט שיין!

## אַז ס'איז קאַלט:

אַז ס'איז קאַלט ביינאַכט אין שטוב,
דעקט מיך מאַמע איין:
זינגט די מאַמע מיר אַ ליד,
ביז איך שלאָף נאָר איין:
— „גאַנצע בערג מיט קוילן, קינד,
ערגעץ־וואו פאַראַן!"
וועט אַמאָל ביי אונז אין שטוב
וואַרעם, אויך ווען זיין?

## סטאָליער:

העמערלעך צום קלאַפּן
נעגעלעך אין ברעטל:
מאַך איך זיך אַ שליטן
פון אַ ליאַלקע-בעטל.

העמערלעך צום קלאַפּן
גערטנדל פאַרצאַמען:
בלומען צו פאַרזייען
פאַר מיין ליבער מאַמען!

## שניי און ווינט:

שניי און ווינט
ווינט און שניי:
טאַנצט אַרום דער פראָסט
מ י ט ז י י!

גאַס איז קאַלט.
קאַלט אין גאַס:
לויפט ניט קינדער
היינט אין גאַס!

## ווייסער בער:

שניי־מענטש, שניי־מענטש,
ווייסער בער,
איז דיין בעזים
טאַקע שווער?

ווערסט אין פעלד דאָ
בלייבן שטיין?
האָסט ניט מורא
זיין אַליין?

## איך און דו:

איך און דו און ער און זי —
מיר און איר און זיי:
מיט דער נאָדל מיטן פאָדעם
נעמט זיך צום גענייי.

מיר'ן אייך אַ קליידל נייען.
איר, פאַר אונז — אַ פאָן:
אַזאַ רויטע, רויטע, רויטע,
ווי דער קאַם ביים האָן!

## מעשה, מעשה:

מעשה, מעשה, מעשה׳לע,
פעלדער פול מיט בלומען:
וועלן גוטע, ליבע געסט,
פאַר די קינדער קומען.

גוטע, ליבע, שיינע געסט,
וואָס־זשע וועט איר ברענגען?

אויף איעדער צווייג פון בוים —
צוקערלעך צעהענגען . . .

## איך וועל זיין דער טאַטע!

איך וועל זיין דער טאַטע.
דו — אַ מאַמע זיי:
שיינע קינדער קליינע —
איינס און צוויי און דריי.

ראַם צונויף דאָס צימער.
איך — אין שאַפּ דאַרף גיין:
— „אַ גוטן טאָג אייך, קינדער,
ביז איך קום אַהיים!"

## שוסטער, שוסטער:

שוסטער, שוסטער,
מאַך מיר שיך
וועל איך קאָנען
לויפן גיך.

לויפן גיך
אין שול אַריין
און זיך לערנען
גוט און פיין!

## מאַמע מיינע אַרבעט:

מאַמע מיינע אַרבעט.
קאָכט און וואַשט און פרעסט
נייט זי מיר אַ קליידל
שערט זי, שניידט און מעסט.

מאַמע איז אַ גוטע.
איך — אויך גוט צו איר:
יעדע נאַכט דערציילט זי
מעשיות אָן אַ שיעור!

## אַ מיינער:

אַ מיינער איז ווילי.
טראָגט אָווערראָלס בלויע —
און ברילן אויף זיינע
אייגעלעך גרויע.

לאָזט ווילי אַראָפּ זיך
אין קעלער אין הוילן
און הייבט דאָרט אָן גראָבן
אין קעלער, די קוילן.

## איך — דער לערער:

איך — אַ לערער.
דו — אַ שילער:
פענצטער עפן
וועט זיין קילער.

זיץ נאָר שטיל
און גוט און פיין:
קוק אין ביכל
נאָר אַריין!

## כ׳האָב אַ נאָדל־פאָדעם:

כ׳האָב אַ נאָדל־פאָדעם
ניי איך, ניי און ניי:
קליידעלעך פאַר ליאַלקעס,
העמדעלעך פאַר זיי.

שיכעלעך און זאָקן
ניי איך, ניי און ניי:
וועט דער ווינטער קומען
פאַלן וועט אַ שניי.

## אַ וועגעלע:

יאַנקעלע מאַכט זיך אַ וועגעלע.
קלאַפּט און קלאַפּט און קלאַפּט:
ער האָט צוויי קליינע רעדעלעך
פון ערגעץ־וואו דערטאַפּט.

אַ פולע זשמעניע טשוועקעלעך
שוין געפּאַטערט באַלד:
יאַנקעלע וויל פאָרן, פאָרן, פאָרן
ערגעץ אין וואַלד.

## דאָרף

הייזקעלעך קליינע.
בוים פאַר דער טיר:
דרייען אין הויף זיך
הינדעלעך פיר.

אויף פעלדער צעשפרייטע,
פיר סטויגן מיט היי:
באָרוועסע קינדער
שטיפן אויף זיי . . .

## כ׳האָב אַ קעסטעלע מיט אייזן:

כ׳האָב אַ קעסטעלע מיט אייזן.
בוי איך הויכע בריקן אוים:
בוי איך סאָבוועים און טונעלן,
הויכע טורעמס, פעסטע, גרוים.

בוי איך סטאַנציעס פאַר באַנען,
לויפן באַנען איבער דאַך:
צי איך אויף די הויכע סלופעס
ראַדיאָ-דראָטן גאָר אַ סך!

## אַרבעט, אַרבעט:

אַרבעט. אַרבעט, אַרבעטער,
יעדן טאָג אין יאָר:
וואָס־זשע האָט דער אַרבעטער
פון זיין אַרבעט גאָר?

אַרבעט, אַרבעט, אַרבעטער,
פאַר אַ פרעמדן מאַן:
און ביי זיך, אין אייגן הויז —
ברויט, איז קוים פאַראַן!

## סטאָליער:

סטאָליער, סטאָליער,
זעג און האַק
טראָגט באַהאַלטן
אין אַ זאַק.

סטאָליער, סטאָליער,
קום און מאַך
טיש און בענקעלעך
אַ סך...

## איך בוי אַ הויז:

איך בוי אַ הויז פון קלעצלעך.
פיר ווענטלעך און אַ דאַך:
אַ טיר אין יעדן צימער
מיט פענצטערלעך אַ סך.

און אויפן שפיץ פון דעכל
אַ קוימען אין דער הויך:
אַז ווען מ׳וועט מאַכן פייער
ניט שטיקן זאָל דער רויך!

## די טיר:

די טיר איז פון האָלץ.
די שויב איז פון גלאָז:
שמייכלט אין דרויסן
די זון אויפן גראָז.

פון שטאָל איז דאָס מעסער,
פון ציגל די וואַנט:
צום פרילינג אַנטקעגן,
העי, גיכער געשפּאַנט.

## פּאַפּירענע שיפן:

שיפל, שיפל, שיפעלע,
לויף ניט אויפן וואַסער:
זע, דער רעגן מיך געמאַכט
ביז צום קאָפּ, אַ נאַסער.

שיפל, שיפל, שיפעלע,
אָט אַזוי איז בעסער:
וועסט נאָך לויפן, לויפן, לויפן —
לאָמיך ווערן גרעסער . . .

## באַשעלע־שרה׳לע:

באַשעלע, שרה׳לע, ראָזעלע־ראָז —
מיידעלעך לאַכן און שטיפן אין גראָז:
חנה׳לע, אסתר׳ל, לאה׳לע־שניי,
פלינקער געלאָפן, געשפּילט זיך מיט זיי.

וועלוועלע, יאַנקעלע, בערעלע־בער,
לויפן די האָזן אַהין און אַהער:
שלמה׳לע, אהרונ׳לע, איציקל־מויש —
קלייבן דאָרט עפּל און וואַרפן אין קויש.

## איך — אַ שוסטער:

איך — אַ שוסטער.
דו — אַ בעקער.
מאַך איך שיכעלעך,
באַקסטו קיכלעך.

בייט איך שיכלעך
פֿאַר די קיכלעך
און נעם לייענען
מיינע ביכלעך . . .

## אָרקעסטער:

איך קלאַפּ אויף אַ טעפּל.
דו — אין אַ טאַץ:
רעגנט אין דרויסן,
מיאַוקעט די קאַץ.

ער פּויקט אויף אַ טעלער.
זי — אויף אַ גלאָז:
משה׳לע שפּרינגט
ווי אַ ווילדער האָז!

## קלינג־קלינג טעלעפאָן:

קלינג-קלינג טעלעפאָן:
— „העלאָ מאַמע — שיינע!
ווייסטו ווער עס רופט דיך דאָ?
ביילקעלע די קליינע!

קלינג-קלינג טעלעפאָן:
— „ווען וועט מאַמע קומען?
איך וועל וואַרטן, וואַרטן, וואַרטן —
אויב דו ביסט פאַרנומען!"

## לייזער־לאָזער:

לייזער-לאָזער,
שופר-בלאָזער,
צוקער עסער,
עפל פרעסער.

האָניק לעקער,
בייגל בעקער,
פוילער שרייבער,
פליגן טרייבער . . .

## כ'האָב אַ קעסטעלע מיט פאַרבן:

כ'האָב אַ קעסטעלע מיט פאַרבן —
פאַרבן אַלערליי:
מאָל איך אוים אַ טאָג אין ווינטער —
מענטשעלעך פון שניי.

מאָל איך אוים אַ טאָג אין זומער
ביימעלעך אין גרין:
אַרום ביימל, אַרום בלימל
מאָל איך אוים אַ בין!

## ווערט אייך גוט:

ווערט אייך גוט
און וואַרעם זיין:
חלומ'ט
ביזן טאָג אריין.

פרילינג, זומער,
גראָז און בלום:
פויגל-לידער
אומעטום . . .

פון דער סעריע

„מאַמע־ערד"

געווידמעט מיין

טאָכטער

פון דער סעריע

„זינג, דו, מיין האַרץ"

# אַ קראַנץ פרילינג־לידער

(פראַגמענט)

קאַלטער ווינטער איז אַוועק.
פרילינג איז געקומען:
אויף די פעלדער, אומעטום
פליגעלעך שוין זשומען.

זון אויף דאַך און זון אויף גאַס,
זון אין אַלע שויבן:
ערגעץ, ערגעץ אויף אַ דאַך
פרייען זיך די טויבן!

טויבן, טויבן, טייבעלעך,
פליען הויך אין הימל:
און אַן אַלטע קאַץ אין הויף
כאַפּט געשמאַק אַ דרימל.

אַקערט פּויער אויף דאָס פעלד,
מיט זיין אַקער־אייזן:
וועט דער פרילינג אויפן פעלד
קונצן באַלד באַווייזן.

וועט דער פּאַרמער באַלד פּאַרזייען
בעבעלעך און רעטאַך:
וועט זיך פעלד אין גיך באַקליידן
מיט אַ גרינעם טעפּיך.

וועט דער גרינער טעפּיך וואַקסן,
ווערן העכער, העכער:
וועט די זון אים שיקן זונשיין
פון איר שטראַלן־בעכער!

# מיין געזאַנג

זינג איך די לידער פון פרילינג,
שווים איך אויף קריעס אוועק;
זע איך די שוועלבעלעך בויען
נעסטן אין ווערבעס ביים ברעג.

הער איך דאָס ליד פונעם פויער
אויפגיין אויף באַרג און אויף טאָל;
זע איך די פאַסטוכער שערן
איצטער די שאָפּענע וואָל.

— — — — — — — — — — —

זינג איך מיר לידער פון זומער,
שפּרייטן זיך פעלדער אוים באַלד;
הער איך דאָס ליד פון די זאַנגען,
שפּיר איך דאָס רוישן פון וואַלד.

זע איך דאָס בלויקייט פון הימל,
פיל איך פון זון־שטראַל דעם גלי;
הער איך אין לאָנקע ביים טייכל
מרוקען די טשערעדע קי . . .

— — — — — — — — — — — —

זינג איך מיר לידער פון אָסיען —
לידער פון האַרבסטיקן רויט —
וויים איך, ביים פּאַרמער אין שייער
ליגט שוין געדראָשן דאָס ברויט.

קלייבט מען די פרוכטן פון בוימער,
שאַרן זיך בלעטלעך אין וועג;
לאָזן זיך מחנות מיט פייגל
אין לאַנגן און ווייטן געיעג . . .

— — — — — — — — — — — —

זינג איך מיר לידער פון ווינטער,
הער איך דעם גלעקער-געקלאַנג
פון שליטנס אויף פעלדער פאַרשנייטע
וואָס זינגען אַ פראָסטיק געזאַנג . . .

# דאָס געזאַנג פון שטאָט און דאָרף

פעלד און גאַסן, דאָרף און שטעטל —
ליד פון שאַפּ און פעלדער;
זינגען אין פאַבריק מאַשינען —
העקער-רויש אין וועלדער!

זינגען אין פאַבריק מאַשינען —
זינגען הענט אין שעפער;
זינגען מויערן אויף גאַסן —
בענטשן הענט פון שעפער!

זינגען זאַנגען וויין-געזאַנגען
אין די טעג פון זומער;
הענגט דער שמייכלדיקער הימל
איבער זיי אַ שטומער!

זינגט דער טייךביים ברעג פון פעלדער
ליד פון פעסטע בריקן;
— טאָג וועט קומען אין די שעפער
אויף די פעלדער, אין פאַבריקן!

וועלטן אַלטע וועלן פאַלן
פאַרן סערפּ און האַמער;
פלאַץ פאַר נייע וועלטן לאָזן —
פרייער און געראַמער!

ניט אויף חורבות אויפגעשטעלטע,
ניט פאַר פרעמדע — שקלאַפן;
נאָר פאַר דעם אַליין וואָס בויעט —
נאָר פאַר אים געשאַפן!

וועלטן אַלטע וועלן פאַלן
פאַרן סערפּ און האַמער;
פלאַץ פאַר נייע וועלטן לאָזן —
פרייער און געראַמער!

## זומער אין שטאָט

אַז די זון אום זומער
ברייט און גליט און ברענט —
איז דאָך גוט אַז קינדער
רוען אין אַ קעמפּ.

איז דאָך גוט צו שווימען
אויפן וואַסער דעק,
פּליאַסקען מיט די הענטלעך
ווייט פון הייסן ברעג.

און דערנאָך זיך בריען
אין דער יולי־זון,
הערן דאָס קאָט־קאָטן
פון דעם פּאַרמערס הון.

זאָרגלאָזע ווי הינדלעך
קייקלען זיך אין גראָז;
לויפן ווי די לעמעלעך,
שפּרינגען ווי אַ האָז.

— — — — — — — — —

אַז די זון אום זומער
ברייט און גליט און ברענט —
גליען אָן זיך אַלע הייזער,
שטיקן דיך די ווענט.

וואָס־זשע טוען קינדער
פון דער גרויסער שטאָט,
ווען די היץ אין דרויסן
גליט און ברענט און בראָט?

לויפט מען פון די הייזער
אין די פּאַרקס אַרום,
באָדט מען זיך אויף גאַסן —
באָדט מען זיך אין שוויים.

און ביינאַכט אין בעטן
בריט דאָס קישן זיי;
קייקלען זיך ווי שלאַנגען
אויף געקאָסעט היי.

— — — — — — — — —

אַזויפיל פרייע פעלדער —
לאַנד — ביי דיר פאַראַן,
אַזויפיל קלאָרע טייכן
פאַר׳ן ווייסן שוואַן! . . .

אַזויפיל ברייטע טאָלן
פאַר דער ווילדער קאַץ . . .
נאָר פאַר בידנע קינדער
האָסטו ניט קיין פלאַץ! . . .

# אָוונט אין דאָרף

טיש איז העכער פון אַ בענקל —
בענקל, נידעריקער פון טיש;
אין אַ טייכל אין אַ קלאָרן
האָט אַמאָל געלעבט אַ פיש . . .

האָט געלעבט אַ פיש אין וואַסער —
פיש מיט פיש געשפּילט זיך פיין;
ווער געוועט זיך דאָ אין שווימען,
ווער געגלאַנצט אין מאָרגנשיין,

ווער ס'האָט מערער לופטבאַלונען
שנעל געבלאָזן פון זיין מויל,
ווער ס'האָט גאָר אויף פלאַך פון וואַסער
אין פאַרנאַכט געשיפּלט פויל . . .

זומער בלויער, ווינטער ווייסער —
האַרבסט און פרילינג אין דער לופט —
איז דער טייך שוין איינגעפרוירן
צי די רויז שוין פול מיט דופט —

שווימט דער פיש אין קלאָרן טייכל
גליקלעך, זאָרגלאָז ווי אַ קינד.
און צומאָל אויף פלאַך פון וואַסער
טוט אַ שפּאָס מיט אים דער ווינט.

— — — — — — — — — — — —

זומער אָוונט, זון פאַרגאַנגען
איז אין מערב זייט;
איינגעהילט האָט טייך און דערפל
קילע אָוונט-צייט.

איך נאָר איינער בין געלעגן
שטילערהייט ביים ברעג;
ס׳האָט גערוט אין נעסט דער פויגל
און דער שטויב אין וועג.

נאָר דאָס טייכל האָט געמורמלט
צו דעם בלויען רויך;
פריילעך האָט צוגעפינקלט
שטערן אין דער הויך.

פישלעך זיינען צוגעשוואומען
אויפן וואַסער פלאַך;
פישלעך גאָלדענע געפלעקטע
קליינינקע, אַסך.

איבער די לבנה שטראַלן
ליבלעך אויסגעשפרייט;
שטיל געמורמל פונעם וואַסער
אין דער לענג און ברייט.

אויבן שטערן פינקלנדע,
אונטן, וואַסער שפּיל;
ס׳איז זיך גוט אַזוי דערמאָנען
אין מיין וואַסערמיל! . . .

— — — — — — — — — — —

טיש איז העכער פון אַ בענקל —
בענקל, נידריקער פון טיש;
אין אַ טייכל אין אַ ווייטן
האָט אַמאָל געלעבט אַ פיש.

# קינדערלעך מיט בלויע אויגן

סאָפי פאָן — מתנה.

קינדערלעך מיט בלויע אויגן
זיינען ווילדע בלומען;
בענקען זיי אין ווינטער-גרוי —
פרילינג זאָל שוין קומען!

קינדערלעך מיט שוואַרצע אויגן
ווילן אַלצדינג הערן;
שיינען זייערע אייגעלעך
ווי אין מאַי די שטערן.

קינדערלעך מיט רויטע בעקלעך
האַלטן נאָר אין לאַכן;
סיי ביינאַכט אין צייט פון שלאָף —
סיי ווען זיי דערוואַכן.

קינדערלעך מיט מאַטע בעקלעך
חלום'ען און שווייגן;
בליט ביי זיי אין ווינטער-נאַכט
עפּעלע אויף צווייגן.

רוט ביי זיי אין ווינטער-טאָג
פרילינג אין די גלידער;
הערן זיי אין שווייגעניש
זומערדיקע לידער!

# דאָס ליד פון קוקאַרעקו האָן

אין אַ דאָרף אַ ווייטן
אויף אַ באַרג, ארויף —
האָט אַ האָן געלעבט דאָרט
אין אַ פּויערס הויף.

אין דעם הויף פון פּויער —
מיט אַ ברייטן שפּאַן —
האָט שפּאַצירט דער קרייער,
האָן מיט רויטן קאַם.

פּויער, אַלט געוועזן,
קיינער ניט מיט אים;
נאָר אין הויף דער קרייער
און אין שטוב אַ בין.

בין, אין שטוב געזשומעט.
האָן, אין הויף שפּאַצירט;
פּויער אינעם שטיבל
עלנט זיך געשפּירט! . . .

נאָר אין נעכט אין ווייסע
און אין מאָרגן־בלוי
האָט דער האָן געקרייעט
אָט אַזוי, אַזוי:

— „קוקארעקו, רי־קו —
זיי באַגריסט, דו טאָג!
זון אויף קרוין פוןביימער,
טאָג אויף יעדן ראָג!

טאָג פאַר בלום און פויגל,
טאָג פאַר אַלט און קינד;
קו־קאַ־רע־קו, רע־קו
זיי געבענטשט אַצינד!

העי, דו ברודער, פויער,
שנעל אַראָפּ פון בעט,
ס׳וואַרט דער פּלוג אין פרילינג
גיין זיך אַ געוועט

ביז די זון וועט שיינען,
ביז זי גלעט און ברענט —
וועלן פאַרטיק ווערן
די געשטאַרקטע הענט ! . . .

קוקאַרעקו, רי־קו
שניט־צייט איז אַצינד ;
קאָסע, סערפּ אויף אַקסל.
שניטערס שנעל, געשווינט.

קופּער־רויט די בלעטער —
האַרבסט היינט אויף דער וועלט ;
ס׳וואַרט די פּרוכט אויףביימער,
ס׳וואַרט דאָס היי אין פעלד !

— — — — — — — — — — —

און זיין קוקאַרעקו
פלעגט אויף מיילן ווייט
וועקן צום דערוואַכן
פאַר דער נייער צייט !

פלעגט דער אַלטער פויער
ווּיסן : ס׳איז די צייט,
ווען די נאַכט מיט מאָרגן
האָט זיך שוין באַנייט ! . . .

און אַ טאָג קומט אָנ׳עט —
טאָג מיט זון און שיין
און אין פויערס שטיבל
שמייכל וועט אַריין !

װעט מען װידער קאָסן
גראָז אין פּריצ׳ס טאָל ?
און פֿאַרקױפֿן װעט מען
כּוחות װי אַמאָל ?

װעט מען װידער שנײַדן
ברױט פֿאַר פּריצ׳ס מיל ?
װאָריל איז דעם דערלײזטן
אױסגײן אין דער שטיל ?

פֿױער אַלט געװעזן —
לאַנגע יאָר געלעבט —
איז ער אױסגעגאַנגען —
פֿאָדים אױסגעװעבט !

איז דער האָן פֿאַרבליבן
אײנינקער אַלײן ;
אומעט אין זײַן קרײען,
קרײעט מיט געװײן !

נאָר אין נעכט אין װײסע
און אין מאָרגן־בלױ
קרײעט אונזער קרײער
קרײעט אָט אַזױ :

— „קוקאַרעקו, מאָרגן !
טאָג, דו זײ באַגריסט !
װאָריל איז דעם דערלעבטן
װאָס פֿון טאָג געניסט ! . . .

# צו מיין אַרעלע:

די זון איז איין מערב פאַרגאַנגען, שוין לאַנג
ווי רואיק איז אַלצדינג, ווי שאַ!
אינגעלע מיינס, די ליכט פון מיין טרוים,
שלאָף שוין, סע וויגט דיך דיין „פאַ“!
כ׳האָב דאָ קיין וויגעלע,
ווייט איז מיין ציגעלע —
קינד מיינס, איך בין דאָ אַ גאַסט!
מאַך צו די אייגעלעך
גלייך מיט די פייגעלעך,
שלאָף שוין, מיין הייליקע לאַסט!
זע, ווי די שטערן זיך סוד׳ן שוין דאָרט —
דער הימל איז לויטער און בלוי;
כ׳האָב, קינד מיינס, אַ לעבן געבעטן,
אַז דו זאָלסט זיין אַזוי לויטער, אַזוי!
ריין ווי דיין וויגעלע,
ווייס ווי מיין ציגעלע —
איבער די ימ׳ען פאַרלאָזט; —
מאַך צו די אייגעלעך,
גרינג ווי די פייגעלעך,
הערסטו דאָס ווינטל וואָס בלאָזט?
שלאָף-זשע, דו קינד מיינס, איצט רואיק אַזוי,
ווייסטו וואָס מורמלט דער ווינט?
— „גליקלעך איז יענער וואָס איז גלייך, ווי דו,
פון ליבע און טריישאַפט — אַ קינד!“
ווייל דו, מיין אינגעלע,
ביסט דאָך דאָס רינגעלע
פון אַט דער ליבע און גליק;
אונטער מיין וויגעלע
האָסטו מיין ציגעלע
דו, איצט, געבראַכט מיר צוריק!

# קומט, לאָמיר זיך לערנען!

ס׳לויערן שונאים אויף אונדזערע לעבנס —
שאַקאַלן איצט רעווען אין חושך פון נאַכט;
זיי שטשירן די ציינער אויף אונדזערע העלדזער —
העי, ברידער און שוועסטער, באַוואַכט זיך, באַוואַכט!

אין צייט פון בהלה קומט לאָמיר זיך לערנען —
זאָל שאַרף זיין די צונג, ווי דער שפּיץ פון אַ שווערד:
מיר מוזן זיך לערנען אַן ענטפער צו געבן
פאַרוואָס און פאַרוועך ליגט פאַרבלוטיקט די ערד!

אין צייט פון בהלה קומט לאָמיר זיך לערנען,
ווי בעסער אָפּשאַצן און קלאָרער פאַרשטיין —
ווער ס׳איז אַ פריינט און ווער איז דער שונא —
מיט וועמען צום ליכטיקן מאָרגן צו גיין!

עס רופן אונז קאַמפן צום ליכטיקן מאָרגן —
העי, ברידער און שוועסטער, באַוואַכט זיך, באַוואַכט!
ס׳לויערן שונאים אויף אונזערע לעבנס —
שאַקאַלן צערעוועט אין חושך פון נאַכט!...

# ס'שטייט צוגעבעט דיין בעט . . .

ס'שטייט צוגעבעט דיין בעט, מיין זון, אין צימער דאָ —
פון יענעם טאָג — ווען אויפן רוף פון לאַנד — ביסטו אַוועק;
און חלומ'ט שטום, פאַרבענקט דאָרט טאָג און נאַכט
און ציילט די ווייסע, שלאָפלאָזע נעכט מיט שרעק.

און פאַלט מיין בליק אין שפּעטער נאַכט־שעה, ווען
אויפן צוגעבעטן בעט אין צימער דאָ ביי מיר —
גייט אויף מיין אומרו פון מיין ציטערדיקער בענקשאַפט
און צאַפּלט זיך אַזוי נאָך דיר, נאָך דיר!

זיכער זינגט נאָך היינט דיין צוגעבעטע בעט
דאָס ליד פון פרישע וואַרימקייט פון דיין געביין;
ווען מיר אין צווייען אונזער פלאַטערדיקע בענקשאַפט —
דיין צוגעבעטע בעט . . . און איך אַליין . . .

ליגט נאָך אין די פאַלדן פונעם ליילעך איינגעפּרעסט דיין לייב—
אויפן קישן — אפשר אויך דיין שמייכל פון אַ טרוים אין נאַכט;
און שלאָפן אַלע שוין אין הויז אין די געלעגערס —
שטייט דיין צוגעבעטע בעט אין צימער, וואַך נאָך וואַכט! . . .
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ס'שטייט צוגעבעט דיין בעט מיין זון, אין צימער דאָ
פון יענעם טאָג, ווען אויפן רוף פון לאַנד, ביסטו אַוועק;
און חלומ'ט שטום, פאַרבענקט דאָרט טאָג און נאַכט
און ציילט די ווייסע, שלאָפלאָזע נעכט, מיט שרעק! . . .

# ס׳וועט נאָך בליען . . .

ס׳וועט נאָך בליען די רויז אינעם גאָרטן—
כאָטש ער איז פאַרוואַקסן, פאַרלאָזט;
כאָטש ווינטער־ווינט רעוועט און הוליעט
און ס׳לאַכט אַזאַ גיפטיקער פראָסט.

עס וועט נאָך דער בוים זיך פאַרפּוצן
אין צאַרטינקע בלעטלעך און צווײַט;
כאָטש מענטשלעכע ביינער אין טאָלן
וואָיען דאָס גרויזאַמסטע ליד.

ס׳וועט נאָך אַ יונגער געלעכטער
פאַרקלינגען די גאַס און די היים;
כאָטש אומעט באַהערשט נאָך די הערצער
און ס׳שטיקט נאָך אין ברוסט אַ געוויין.

ס׳וועט נאָך גרינען דאָס גראָז אין די טאָלן —
כאָטש טאָל איז צעוויטיקט אין בלוט;
איך הער שוין דעם פרילינג פון ווײַטן —
כאָטש ס׳פאַלט נאָך פאַשיסטישע רוט . . .

# כ׳האָב היינט בלומען אָפּגעריסן

כ׳האָב היינט בלומען אָפּגעריסן
צו פֿאַרפּלעכטן דיינע האָר;
כ׳האָב געמיינט אַז דו וועסט קומען —
ביסטו ניט געקומען גאָר.

כ׳האָב געמיינט: ווער ווייסט, אפשר
אָנקלאַפּן וועסטו אין טיר;
האָב איך האָרכזאַם צוגעהערט זיך
און געוואַרט, געוואַרט אויף דיר.

יעדער שאָרך פֿון גראָז און בלעטל,
יעדער פֿלאַטער פֿון דער נאַכט
האָט דערמאָנט מיך: דו דאַרפֿסט קומען! —
האָב איך נאַכט נאָך נאַכט געוואַכט!

ביסטו היינט אויך ניט געקומען
און וועסט מאָרגן אויך ניט זיין;
ליגן מיינע ווילדע בלומען
איינגעקאָרטשעטע אין פּיין! . . .

# אויף אַ באַרג־שפּיץ שטייט
# אַ שטיבל

אויף אַ באַרג־שפּיץ, שטייט אַ שטיבל.
ווער ס׳וואוינט דאָרט, ווייס איך ניט;
פירן מיך צום בערגל־שטיבל,
מיינע בענקנדיקע טריט.

קלעטער איך דאָרט צווישן דערנער
העכער, העכער באַרג אַרויף;
מיינע לעצטע יונגע כוחות
קלייב איך איצטער זיי צענויף.

ס׳איז דאָס בערגל ווילד באַוואַקסן,
ס׳איז קיין סטעזשקע דאָרט ניטאָ;
שפּאַן איך אוים מיר ערשט אַ סטעזשקע
אין מיין קלעטער־שעה.

גראָב און קלעטער — שפּאַן פאַרצייכנט
מיינע קלעטערדיקע טריט;
צאַפּלט זיך מיין האַרץ דערשראָקן —
כאָטש ניט פאַלן אין דער מיט!

זאָל אַ סטעזשקע כאָטש פאַרבלייבן
פון מיין קלעטערן אַרויף;
הענט פאַרבלוטיקט, פיס פאַרוואונדעט —
כאָטש דערגרייכן ביז׳ן הויף!

װעט אַ װאַנדערער זיך שלעפּן
און פאַרבלאָנדזשען אויף מײַן װעג —
זאָל ער כאַטש אַ סטעזשקע האָבן
פאַר די בענקנדיקע טעג.

אויב איך װעל דאָס שטיבל גרײכן
און װעל אָנקלאַפּן אין טיר —
אפשר, אפשר װאױנט דאָרט װער ניט,
װאָס װעט פרײען זיך מיט מיר?

אפשר, אפשר, װאױנט דאָרט װער ניט,
װאָס װעט דריקן פעסט מײַן האַנט
און אַ בענקל מיר צושטעלן
פאַר דער הױכער װאַנט? . . .

## אין פאַרנאַכטן . . .

אין פאַרנאַכטן פון מײַן אומעט װעל איך זינגען
מיט די צװײַגן פון מײַן ציפּרים-בױם;
װעלן אַלע מײַנע װילדע בלומען מיך דערהערן
און פאַרװעבן אויך מײַן ליד אין זײער טרױם.

און אין װינטער שטילקײט, אויף די װײסע װעגן,
אויף די װײַטע װעגן, ציען װעט מײַן ליד;
װאַנדערער װעט הערן, װאַנדערער װעט פילן,
װען אויף װײסע װעגן קלינגען װעט מײַן ליד . . .

װעט אים גרינגער װערן אין זײַן װײַטן אומעט,
װעט אַ פרײד צעשטראַלן זיך אין זײַן מיד אויג:
װעט אים װאַרעם װערן אין די מידע בײנער.
װעט אַ פײער גליען אין זײַן מיד אויג . . .

## מיין חבר, אַ טויטער!

אלעף מייזלען

אַ לויטערער הימל.
פאַרנאַכט, אַזאַ רויטער.
אַ בליץ איז געפאַלן —
מיין חבר — אַ טויטער!

דער הימל אין טרויער.
די נאַכט אַזאַ בלייכע;
ווי שטיינערנע פעלזן
מיין קישן, דאָס ווייכע!

עס טאָגט שוין אַ מאָרגן.
מיט טרערן, די ביימער;
ס'האָט קיינער געהערט מיך
פאַרקריצן די ציינער!

אַ נאַכט שוין פאַרגאַנגען.
אַ טאָג שוין געקומען;
מיין אומעט צעהאַנגען
אויף בליענדע בלומען!

# איך ברענג דיר איצט . . .

איך ברענג דיר איצט מיין אומעט, קינד —
וואָס פלאַטערט ווי אַ קראַנקע טויב;
ס'איז וואונדיק איצט מיין קראַנקע האַרץ
און ס'ברומט, ווי ווינטער־ווינט אין שויב.

איך ברענג דיר איצט מיין אומעט, קינד —
ס'איז אַלץ וואָס איך פאַרמאָג אַצינד;
איז נעם אים אויף מיט צאַרטן בליק —
מילד און לינד.

נאָר שוויַיג: ווי ס'שוויַיגט די זומער־נאַכט —
ניט פרעג מיין קינד קיין איינציק וואָרט:
עס יאָמערט אין מיר יעדע וואונד
און אומעט וויַיט אַרויף פון דאָרט.

ניט פרעג פאַרוואָס — וויַיל וואָרט איז פוסט,
ווען האַרץ איז קראַנק און וואונדיק־בלוי;
נעם אויף אַט איצט מיין אומעט־ליד
אין ווינטער־גרוי!

איך ברענג דיר איצט מיין אומעט, קינד —
פאַרשעם אים ניט און פיל מיט אים מיט.

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

כ'וועל מיין אומעט דיר ניט ברענגען —
וועסט אים אפשר ניט פאַרשטיין;
כ'וועל ווי פריער אויף די וועגן
וואַנדערן אַליין, אַליין! . . .

# ערגעץ זינגען איצטער פעלדער

ערגעץ זינגען איצטער פעלדער שוין באַבלומטע
און ערגעץ גייט שוין איצטער אויף דעם פויערס מי;
איצטער, איצטער, אין פאַרנאַכטן, אין באַזונטע
קערט זיך אום פון פאַשע שוין, דער פאַסטוך מיט די קי . . .

ערגעץ פליען איצטער פלאַטערלעך אין טאָלן
און ערגעץ זינגען פייגעלעך אַ פרילינג-ליד;
איצטער לויפן ווילדער אום די העזעלעך און קראָלן —
אומרו זינגט אַט איצט אין מיין געמיט . . .

פאַר מיין פענצטער, לויפן טויזנטער מאַשינען
און פאַרטויבן און פאַרשטויבן מיין געהער;
הער איך ניט, ווי ס׳זינגען שוין די זשומענדיקע בינען —
ס׳קלאַפּט אין קאָפּ, ווי קנאַלן פון געווער!

און כאָטש ס׳זינגט מיין בלוט דאָס ליד פון ערשטן מאַי
און ס׳נאָגט מיין האַרץ מיט אומרו פון אַ וואָלף אין שטייג —
האַלט מיך דאָ געפאַנגען, ווי מיט צוואַנגען, סיי ווי סיי
מיין גרויע שטאָט: ערגעץ וויינט אַ פויגל אויף אַ צווייג!

קלאַפּ אָן אַזוי דיין קאָפּ אין דיל אין טיפן צער
און גלאָץ מיט דיינע אויגן צו דעם זעלבן אָרט
און וואַרט, ווי ס׳וואַרט דער הונט ביים פּוס פון האַר
אפשר פאַרט וועט נידערן דאָס לאַנג געגאַרטע וואָרט!

איך וועל ניט טאָן אַזוי אין טיפן צער!
אַ בעטלער זיין? פאַר וועמען און פאַרוואָס?
בין איך דען ניט אין צייט פון צער — מיין האַר?
פאַרשליסן וועל איך זיך, אין זיבן-שלילדיקן שלאָס! . . .

# הער איך דיינע רייד

ווי די פרייד פון צייטיקע קאַרשן אויפֿן בוים,
קוקסטו גליענדיק אויף מיר.
צאַפּל איך זיך פון דיין פרייד,
צאַפּל איך זיך אין דיין גלי.

ווי דאָס געזאַנג פון ווינגדיקע בלעטלעך אויף אַ צווייג,
זיינען דיינע רייד צו מיר.
לייטער איך זיך אין דיין קלאַנג.
וויג איך זיך אין דיין געזאַנג.

ווי דער טרויער פון פאַרבליבענע קאַרשן אויפֿן בוים,
קוקסטו טרויעריק אויף מיר.
צאַפּל איך זיך אין דיין טרויער.
פלאַטער איך אויך ווי דיין וויי.

ווי דאָס געוויין פון אָפּגעריסענע, צעפליקטע בלעטער,
זיינען דיינע בליקן איצט צו מיר.
זינג איך איצט פון האַרבסטיקע בלעטער —
וויין איך מיט, מיט זיי!

# אַלע לאַגלען מיינע, וואַרטן . . .

אַלע לאַגלען מיינע, וואַרטן איצטער אַנגעפילטע.
גליקלעך ווי דער קעמל אינעם מדבר־זאַמד
(וואָס זוכט, אין זיין אייגענעם שאָטן זיך באַשיצן!)
שפּאַנט מיין טראָט, אַנטקעגן דיר,
מיין איין־און־דרייסקסטער פרילינג! . . .
ווער וועט דען ציילן די אויגן
פון מיין אויפגעזוימטן לעבן,
וואָס ליגט ביים ראַנד פון מיין קלעטערן —
ווי די רויטע פראַגע־צייכנס, אויף אַ גרינעם בלאַט?
וועט עמיצער, דערפילן ווען
די טראָפּן שוויים,
וואָס האָבן אין מיין נאַקעטקייט ,מיין ערד געשפּייזט?
וועט כאָטש אַ הונגעריקער פריינט,
צערעווען זיך פאַר פרייד,
ווען ער וועט מידערהייט
צוזאַמען מיט מיין שוואַרצער ערד —
די טראָפּן שוויים דערקענען? . . .
איך וועל פאַרשלייערן מיין גורל
מיטן בליענדיקן בוים ביי מיין פענצטער!
ווער וועט דען אויפצילעווען
און צוזאַמענקלייבן מיינע שלייערן,
ווען ווינטן וועלן זיך צערעווען אין מיין נאַכט?
איך וועל אין מיין קלעטערן אַליין
צוזאַמענקלייבן מיינע שלייערן — ווי פייגל,
זייערע אויסגעקראַכענע פעדערן — פאַר אַ נעסט!

# הייבט די זון . . .

הייבט די זון אין מערב זייט אָן צאַנקען
ווי דאָס פּנים ביי אַ קראַנקן,
דעמאָלט, נעם אַרום מיין קאָפּ, מיין שווערן,
שפּיל מיט דיינע פינגער זיך אין מיינע האָר:
אפשר, אפשר, וועל איך ווען דערהערן
דאָס געזאַנג פון בליענדיקער שעה —
ווען די זון אין מערב הייבט אָן צאַנקען
ווי דאָס פּנים ביי אַ קראַנקען!

מיינע טעג? זיי ליגן דאָך פאַרקויפטע —
זיי בעטן זיך ביי מיר, ווי לעמעלעך אין שטאַל!
מיינע נעכט? זיי נאָגן מיך פאַרבענקטע,
באַשפּריצטע פון פאַרקויפטע טעג — מיט גאַל!

בין־השמשות מיינער —
באַדאַרפט וואָלסטו כאָטש זיין
מיין שטיקל גליק
צווישן וועלטן צוויי, פאַרשאָלטענע,
מיין בלויע בריק.

דאָך, הייבט די זון אין מערב זייט אָן צאַנקען
ווי דאָס פּנים פון אַ קראַנקן,
וויגט אַזאַ מין אומעט מיך אָט דאָ —
וויגט מיין שווערער קאָפּ זיך
אין מיין ראַנגלענדיקער שעה! . . .

# NOCTURNE

דער טאָג איז פאַר אַרבעט געבוירן.  
די נאַכט איז פאַר ליבע און רו ;  
באַשטערנטע נאַכט מיינע, ווייסע,  
טאָ וואו איז מיין ליבע און רו ?

דער טאָג מיינער פול איז מיט אַרבעט,  
מיט שוויים פון מיין שטערן און מי ;  
און בלוי נאָך פון טאָגן איך שפּאַן שוין  
אויף טאָלן און פעלדער דאָ הי.

אָ, נאַכט מיינע, שלאָפלאָזע, ווייסע —  
אָ, נאַכט מיינע, צאַרט ווי אַ טויב —  
איך טרוימען פאַרגייען די שעה'ען —  
איך קיל זיך מיין שטערן אין שויב . . .

פעילאָנד פאַרם, 22טן אויגוסט, 1944.

פון דער סעריע

# פוירל האַרבאַר

# ס׳האָט צעבראָמט זיך . . .

ס׳האָט צעברומט זיך דער פּאַסיפיק —
ווי טויזנט פּויקן זיך צעפּויקט;
האָבן שטורמדיקע כוואַליעס
זיך — ווי שפּיצן-בערג — געגויגט.

זידט דער ים אין זיינע כוואַליעס —
ים, וואָס איז מיט דיר געשען?
האָסט אַ לעבן-לאַנג גע׳חלומ׳ט —
נעכטן, אַזוי שטיל געווען!

האָסט פאַרוויגט אַזויפיל שיפן
מיט דיין כוואַליעדיקער האַנט;
און באַשיצט זיי — ווי אַ שומר —
צו די ברעגן פון מיין לאַנד . . .

אָפן איז דיין וועג געוועזן —
פריי, פאַר יעדער שיף — דיין ברעג;
האָט פאַשיסט דיך היינט דערצאָרנט —
ס׳האָט יאַפּאַן פאַרשטעלט דיין וועג!

צאָרנט ים אין זיינע כוואַליעס —
שיפן וויינען אין זיין טיף;
וויפיל יונגע זעלנער ליגן
אונטער יעדער „נייווי-שיף“?

וויפיל בראַווע, יונגע העלדן —
בעסטע קינדער פון מיין לאַנד —
טרינקען זיך אין דיינע טיפן
מיט די שיפן זאַלבענאַנד?

— — — — — — — — — — — — —

ס'האָט צעברומט זיך דער פּאַסיפיק —
ווי טויזנט פויקן זיך צעפּויקט;
האָבן שטורמדיקע כוואַליעס
זיך צו בערג-שפּיצן — גענויגט!

ניט געשראָקן זיך, פּאַסיפיק —
כוואַליעס מיינע, שטילט זיך איין;
ס'וועלן דיינע וואַסער-וועגן
גאָר אין גיכן, באַלד זיין פריי!

וויינט ניט כוואַליעס, וויגט זיך רואיק —
זינגט אַ וויג-ליד אין דער טיף;
זייט געגרייט באַלד אויפצונעמען
אונזער נייע, פרייע שיף!

ברוקלין, נ. י., 30טן דעצעמבער, 1941.

# איך בין אַן אַמעריקאַנער!

מיין זיידע איז דאָ ניט געבוירן,
מיין באָבע — דאָס לאַנד ניט געזען;
מיין פאָטער, אין קאַרפּאַטישע טאָלן —
אַ פּויער, איז ער דאָרטן געווען!

דאָך בין איך אַן אַמעריקאַנער —
אַ שטאָלצער ווי דו און ווי זי;
ס׳איז ליב מיר דאָס לאַנד פון די בראַווע
און טייער מיין היים מיר — דאָ הי!

ניט קיין אינדיאַנישע מעשיות
האָבן מיין קינדהייט פאַרוויגט;
ניט מיט געזאַנג פון די פּרעירים
האָט מאַמע מיין וויגל געוויגט.

דאָך בין איך אַן אַמעריקאַנער —
דאָס לאַנד איז מיר טייער און ליב;
זאָלן די בערג און פּרעירים דערהערן
דאָס ליד פון דעם אַמעריקאַנישן ייד!

אַריבערגעקומען בין איך דאָ,
מיט פרילינג-געזאַנג אין מיין ליד;
מיט טויזנטער טרוימען אין האַרצן,
געקומען אַלס מענטש און אַלס ייד.

כ׳בין אַן אַמעריקאַנער —
אַ שטאָלצער ווי זיי און ווי איר;
כ׳האָב מיין לאַנד דאָ, געגעבן
דאָס בעסטע און שענסטע אין מיר!

איך האָב לידער פון אַרבעט געזונגען
צום מיינער איין טיפקייט פון שאַכט;
געבענטשט דאָ די הענט פון די בויער
אין קאַיאָר אין בייטאָג און ביינאַכט.

כ׳בין אַן אַמעריקאַנער —
אַמעריקע, מיין ליד היינט צו דיר;
כ׳וועל דיך מיט ליבשאַפט באַשיצן
מיטן בעסטן און שענסטן אין מיר!

אָ, לאַנד מיינס, איך האָב געהאָלפן דיך בויען
דיין רייכטום באַשאַפן, מיט ליבע פאַרזייט;
כ׳האָב קינדער מיט ליבע געלערנט דאָ —
אין קאַמף פאַר פרייהייט זיין גרייט!

כ׳בין אַן אַמעריקאַנער —
מיט הונדערטער טעכטער און זין;
וואָס שאַפן אין פעלד און פאַבריקן
און פירן דעם טאַנק און מאַשין!

אָ, לאַנד מיינס, כ׳בין שטאָלץ אויף מיין אַרבעט —
אַזויפיל זין מיינע מיט שונא אין קריג;
וועלן זיי מיך, אָ, זיכער דערמאָנען
אין לעצטן, ענדגילטיקן זיג!

כ׳בין אַן אַמעריקאַנער —
אַ שטאָלצער, ווי דו און ווי זי;
ס׳איז ליב מיר דאָס לאַנד פון די בראַווע
און טייער מיין היים מיר, דאָ הי...

ברוקלין, נ. י., 17טן מאַי, 1942.

# הײנט, צי איך די גלעקער . . .

כ׳האָב לידער געזונגען פון ראָזעװע הימלען
איבער פרילינג פאַרטאָגן אין טויאיקן גלאַנץ;
פון בליענדע בלומען און צװײטן פון בײמער
און שטאָלצע אָדלער איבער כװאַליעס אין טאַנץ!

פון בלויע פאַרנאַכטן איבער טאָלן פאַרבענקטע
אין פרי בין-השמשות פון הארבסטיקע טעג;
פון צויבערנע טענער פון נעכט אין לבנה
מיט טענער פון „דװינע" אויף טײכן בײם ברעג!

װען ס׳פלעגן די בײמער זיך שאָקלען בײם פענצטער
און נאַקעטע צװײגן פלעגן קלאַפּן אין װאַנט —
פלעג איך װעבן חלומות פון װינטער אין טרוימען
מיט װאַגלער אויף װעגן פון איבערן לאַנד!

אין װאַסערמיל, װינטער, אויפן װאַרעמען אויװן,
אין שטיבל מיט פענצטער באַמאָלטע מיט פראָסט —
פלעג איך זינגען מײן ליד פון די קראָען אויף בײמער —
פון שװאַלבן װאָס האָבן די נעסטן פאַרלאָזט!

און װען כ׳האָב — אַ קינד נאָך — דאָס דערפל פאַרלאָזן —
זיך איבערגעקליבן אויף שטאָטישן ראָג —
אין חושך פון קעלער, פון ר׳ יואל׳ס בית-המדרש —
האָב איך לידער געזונגען פון פינצטערן טאָג.

האָב איך לידער געזונגען פון נויט און פון הונגער —
פון באָרוועסע פיסלעך און הערצלעך אין פיין;
גע׳חלום׳ט פון דערפל אין בליענדן פרילינג —
אין פראָסטיקן קעלער — ביים לעמפּעלע־שיין!

זיינען יאָרן געלאָפן . . . כ׳בין עלטער געוואָרן —
מיט ברוסט איינגעפאַלן, געקאָרטשעט אין ווייִ
האָב איך לידער פון בענקשאַפט און צאַרטקייט געזונגען
אין טומל פון שטאַטישן הו־הא געשריי.

א וואָגלער געוואָרן! געלאָזט זיך מיט באַנען —
אויף שיפן געוואָנדערט, געטאַפּט וואו א וואַנט;
אַזוי בין איך דאָ־אָ, אַהער אָנגעקומען —
פון רומענישע סטעפּעס, צום אַמעריקאַנישן לאַנד!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

היינט, זינג איך מיין ליד דאָ, צו העלדישע קעמפער —
צו די וואָס דערלאַנגען דעם שונא אין קאַרק;
א וועקער געוואָרן! איז צי איך די גלעקער —
צעקלינג אַלע טאָלן פון שפּיץ פון א באַרג!

אַזוי וועל איך וועקן ביזן טאָג פון נצחון —
און פּויקן אין פּויקן און רופן צום קריג;
ביז ס׳וועט דער לעצטער פאַשיסט פון דער וועלט זיך דאָ עקן —
ביז דער ברוינער מאָנסטער וועט ווערן באַזיגט!

ברוקלין, נ. י., 10טן יאַנואַר, 1942.

# ניט ווי ירמיהו וועל איך איצטער קלאָגן!

ניט ווי ירמיהו וועל איך איצטער קלאָגן —
כ'וועל ניט מיט אַ קינה זיצן אויף דער ערד;
ווי אַ שמיד אין קוזניע ביי דעם פייער-אויוון
וועל איך העלפן שאַרפן שאַרפער אונזער שווערד!

כ'וועל היינט העלפן שמעלצן אונזער אַקער-אייזן
און אויסגיסן פון אים גאָר אַ נייעם טאַנק;
כ'וועל אין די פאַבריקן שיפן בויען העלפן
און מאָטאָרן גיסן — שטירצן שונא'ס פלאַנק.

כ'וועל זיך לאָזן רייטן אויף אַ פערד, אַ ווילדן
מיט די ווינטער-ווינטן, אין דער ווינטער-נאַכט;
ציען אַלע גלעקער, פויקן אין די פויקן —
אַלעמען היינט וועקן גרייטן זיך אין שלאַכט!

כ'וועל זיך לאָזן רייטן דורך גאַס און געסלעך —
מיט די שפּאָרן קלאַפּן אין איעדער טיר;
אין די פענצטער זעצן, פון די בעטן רייסן —
ווי ס'האָט אַמאָל געוועקט דאָ, דער יונגער פּאַל-ריווער!

ניט ווי ישעיהו, וועל איך איצטער טרוימען
פון אַ וועלט אין לויטער אָן אַ ברעקל שטויב;
וואו די שאָף און רינדער און דער ווילדער טיגער
לעבן זיך בשלום — ווי אַ שטילע טויב.

ווען פֿאַשיסטן שעכטן, ברעכן אַלץ און שטעכן
און די ווילדע טיגער רייטן אויף דער וועלט —
מוזן מיר די טיגער פֿון דער וועלט אויסראַמען —
אויסמעקן זייער זכר פֿון דער גאָרער וועלט!

ניט ווי ישעיהו, וועל איך איצטער טרוימען
פֿון אַ וועלט אין לויטער אָן אַ ברעקל שטויב;
וואו די שאָף און רינדער און דער ווילדער טיגער
לעבן זיך בשלום — ווי אַ שטילע טויב.

נאָר ווי יהודה המכבי וועל איך רופֿן און וועקן —
אַ פֿאָן מיר אויסהעפֿטן מיט ווערטער אין בלוט:
— „קומט אַלע אַהער דאָ, איר אַנטי־פֿאַשיסטן,
וואָס ווילט ניט אַ וועלט אונטער בלוטיקן רוט —

# דער נאַצי ביים טויער

אויף די פעלדער אויפגעריסענע
פון שראַפּנעלן און קויל —
וואַגלען קינדער אָפּגעריסענע
מיט הערצער אין גרויל.
שלעפּן זיך מידע —
די כוחות באַלד אויס;
פאַרברענט האָט דער שונא
דעם שייער און הויז.
אונטער הימלען צעצונדענע
אין פראָסטיקער נאַכט —
האָבן קינדער דערהערט
ווי ערד האָט געקראַכט.
האָבן קינדער געזען
ווי שטאָט האָט געברענט;
האָבן זיי מאַמעס פאַרלוירן
פון אונטער די הענט . . .
מיט שרעק אין די אויגן
און ציטער אין לויף
הייבן קינדער די הענטלעך
צום הימל אַרויף.
— „אָ, מאַמע, וואו ביסטו?
אָ, מאַמע, דו הערסט?
צוויי טעג אַז מיר זוכן דיך
און רויען די ערד!"
הימל אין פייער —
מיט מתים די ערד;
די מאַמעס געפאַלן
פון נאַצישער שווערד!

16טן אויגוסט, 1943.

# ס׳מאַכט ניט אויס!

(פון רוסיש — רויט־אַרמייער ליד)

כ׳האָב אין שוץ־גרוב אַ פּעקל באַקומען,
האָט מיין האַרץ זיך געצאַפּלט אין פרייד;
ס׳האָט דערמאָנט מיך אין פעלדער צעשפּרייטע
מיט ווייץ און מיט קאָרן פאַרזייט.

אויפן פּעקל דער אַדרעס אַ בונטער —
געשריבן דאָרט קלאָר, אַזוי גרויס:
— „פאַר מישאַן, אָדער סאשאַן, אָדער יאשאן —
סע מאַכט ניט אויס!״

— „כ׳בין ניט דער ערשטער, אָדער צווייטער, ניט דער דריטער —
נאָר כ׳האָב דאָס פּעקל גענומען פאַר זיך;
איז ענטפער איך אייך אויפן פּעקל —
ווייל זיכער געמיינט האָט איר מיך!

איז נעמט אָן מיין דאַנק פון מיין האַרצן
פאַרן פּעקל וואָס ליגט אויף מיין שויס;
דו טאַניא, צי דו מאַניא, אָדער פאַניא —
סע מאַכט ניט אויס!

מיר וואָלטן באַדאַרפט ווען זיך טרעפן
און פייערן פריידיק דעם זיג;
כ׳וועל זיכער אין געסט צו אייך קומען
צום סוף פונעם ביטערן קריג!
כ׳ווייס ניט וואו ס׳וועט באַשערט זיין זיך טרעפן
מיט אייך אין אייער אייגענער הויז,
צי אין מינסק, צי אין פּינסק אָדער דווינסק —
סע מאַכט ניט אויס!...

קינדערלאַנד, 17טן אויגוסט, 1943.

# ס'פייפט דער ווינט

ס'פייפט דער ווינטער-ווינט אויף פעלדער —
גייט אַ „האָראַ" מיטן שניי;
ערגעץ טאַנצט דער טויט אויף וועגן —
ערגעץ קלאָגט אַ וויי-געשריי!

איצטער קעמפן מיינע ברידער —
מאַקאַבייער פון אַמאָל;
יעדער איינער — אַ מכבי
פאַרן לאַנד און פאָלק און פאָן . . .

ס'האָט פאַשיסט אונז דאָ באַפאַלן —
ווי אַ שפאַרבער פון דער הויך;
צינדט און ברענט און ברענגט אָן חורבן —
לעשט אוים לעבנס מיטן רויך.

פייף, דו ווינטער-ווינט, אין פענצטער —
קלאַפּ אין שויבן אָט אַזוי;
זאָל די גאַנצע וועלט דערוואַכן
היינט אין ווינטער-טעג אין גרוי.

שטאַרקער רעווע אין די קוימענס —
וועק די וועלט היינט מיט דיין ברום;
זאָל אַ גאַנצע וועלט דערהערן
די קאַנאָנען אין געברום!
מוטיקער נאָך, ברידער מיינע —
מיט פאַשיסט אין לעצטן קריג;

שטאַרקער, פעסטער שלאָגט דעם שונא —
ס'איז פאַר אונז דער לעצטער זיג!

— — — — — — — — — — — — —

ווער ס'וועט שלאָפן? וועט פאַרשלאָפן!
זעצט דעם שונא און געיאָגט;
אויפן חורבן פון פאַשיזם
לאַכט אַ נייע וועלט וואָס טאָגט!

ס'איז פאַר אונז דער נייער מאָרגן —
אונזערם איז דאָס לעצטע וואָרט;
שנעלער, שנעלער מיט געווער היינט
זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט!

ווער ס'וועט יאָגן? וועט דעריאָגן
טאָג פון יובל און פון פרייד;
איבער בערג און טאָל אין שלאַכטן
קלינגט אַ נייע ליד צעשפּרייט...

— — — — — — — — — — — — —

פייף, דו ווינטער־ווינט, אין פענצטער —
וועק די וועלט היינט מיט דיין ברום;
זאָל די גאַנצע וועלט דערהערן
די קאַנאָנען אין געברום!

ברוקלין, נ. י., 26טן דעצעמבער, 1941.

# איד, דו האָסט אַ גלייכן חלק!

איד, דו האָסט אַ גלייכן חלק
אינעם אויפבלי פונעם לאַנד;
ס'קאָן אונז קיינער ניט פאַרשעמען:
שטאָלצער איד — פאָרויס געשפּאַנט! . . .

האָסט ווי אַלע היגע בירגער
שטעט געבויט, וואַלד געהאַקט;
וועג געפלאַסטערט, שאַכט געגראָבן —
שטיין געקריצט און אויסגעהאַקט.

שעפער, קראָמען, באַן און שיפן —
זייד־פאַבריקן און געוואַנט;
האָסט דיין חלק גלייך ווי אַלע
צוגעטראָגן צו דיין לאַנד! . . .

האָסט ווי יעדער, יעדער איינער,
דאָ געאַקערט און פאַרזייט;
פון אַטלאַנטיק ביז פּאַסיפיק
איז דיין פראַצע דאָ פאַרשפּרייט.

האָסט דיין האַרץ און מוח געגעבן —
מיט דיין בלוט באַשפּריצט די ערד;
און איז שונא ווען באַפאַלן
האָסטו געקעמפט מיט ביקס און שווערד!

האָסט די בעסטע זין געגעבן
און געשיקט זיי היינט אין קריג;
זאָלסטו גלייך מיט אַלע פעלקער
יובלען אין דעם טאָג פון זיג!

שעם זיך ניט מיין ליבער איד —
זעץ זיך ביים „טהענקס־גיווינג" טיש;
ס'איז גלייך מיט אַלעמען דיין חלק
ביי דעם גרויסן, גרינעם טיש!

11טן נאָוועמבער, 1943.

# מיט פליגל צעשפרייט

וויג־ליד

שלאָף איין, שלאָף איין,
דו, קליינינקע מיין;
קיין לאָמפּן אין שיין —
ניט דערלויבט היינט צו זיין!

ווי אַ שוואַרצינקע טויב —
פענצטער און שויב;
אין יעדן הויז
פינצטערניש בלויז!

אויף גאַסן אין שניי —
סירענע־געשריי;
אין חושך פון נאַכט —
עראָפּלאַנען אין שלאַכט!

אין פּראַסטיקן ווינט —
דיין טאַטע, מיין קינד —
מיט ביקס שטייט אין האַנט
פאַר דיר און זיין לאַנד!...

מאָטאָרן אין זשום
אויף הימלען אַרום;
קאַנאָנען אין קראַך
איבער יעדן דאַך!

— — — — — — — — — — —

שלאָף איין, שלאָף איין,
דו, קליינינקע מיין;
ניט ציטער אין שרעק —
פון שלאָף זיך ניט וועק!

ניט שטענדיק קאָן זיין
אַ וועלט גאָר אָן שיין;
מאָרגן פֿאַרפֿרי
וועט זון שוין זיין הי!

און דו אין דער זון
וועסט שטיפֿן אַרום
אַ פֿולע מיט גליק
מיט פֿרייד אין דיין בליק!

און וואָרעם וועט זיין דאָ
אין זיגרייכער שעה;
אין גערטנער דאָ הי —
די רויזן אין בלי!

אַוועק וועט די נאַכט —
אַ סוף צו דער שלאַכט;
אויף הימלען אַרום —
מאַטאָרן אין זשום.

מיט פֿליגל צעשפּרייט,
מיט זון און מיט פֿרייד;
אַ וועלט וועט דאַן זיין
מיט זוניקער שיין!

און מיר אין דער פֿרייד
מיט אָרעמס צעשפּרייט
צו דער זוניקער זון,
וואָס וועט שמייכלען אַרום!

ברוקלין, נ. י., 3טן יאַנואַר, 1942.

# באַלאַדעס

# נפתלי באָטווין

(באַלאַדע)

.1

און די שטיבלעך דאָרטן,
קליינע שטיבלעך שטייען;
אויף אַן עלנט ביימל,
ווינטער-ווינטן ווייען . . .

און די שטיבלעך דאָרטן,
האָבן ניט קיין דילן;
אין די ווענט צעמוילטע
ווינטערן די גרילן.

ווייִנען דעכלעך קרומע
און מיט גראָז באַדעקטע;
אויף די גראָזן רוען
קראָען ניט דערוועקטע.

זומער. שטויב און בלאָטעס.
קינדער, קראַנקע, אין בעטן;
לאַכט די נויט און הונגער
שפּילט זיך אין געוועטן.

ווינטער. זאווערוכעס
דורכן קוימען טאַנצן;
אויף די ווענט פאַרגליווערט
טויזנט אויגן גלאַנצן.

אין די בלאָטע-געסלעך
וואַקסן ניט קיין בלומען;
טויזנט קינדער שטאַרבן —
נייע טויזנט קומען.

2.

הערט מען דאָרטן קיינמאָל
זינגען פייגל-לידער ;
אין די געסלעך וואוינען
האָרעפּאשנע ברידער.

רויען זיך אין בלאָטעס
קינדער פון די וויגן ;
פון די קרומע דעכלעך,
ציפּן גראָז די ציגן.

ס׳קאָנען אונז די בלאָטעס
זייער פיל דערציילן —
וויפיל קעמפער-העלדן
פוילן אין די היילן !

3.

נפתלי׳ס טאַטע איז אַ שניידער —
נאָדל, שער און אייזן ;
ברויט גענוג פאַר זיינע קינדער,
קאָן ער ניט באַווזן !

זיבן ברידערלעך אין הויז
נאַקעטע זיך רויען ;
אַרבעט טאַטע שפּעט ביינאַכט
ביז פאַרטאָג דעם בלויען.

וואַקסט נפתלי שוואַך און קליין —
פּנים אויסגעצערטער ;
אויגן פיבעריש פאַרטראַכט —
שטערן, אַ פאַרקלערטער.

וואָס-זשע קלערט אַ קינד, אַ שוואַכס —
וואָס-זשע קאָן ער טראַכטן?
ווייל ער וויסן וואו די זון
זעצט זיך אין פאַרנאַכטן?

ווייל ער וויסן, וויפיל שטערן
הענגען אויפן הימל?
צי פאַרוואָס ביי זיי אין שטוב
פרירט אויף ווענט דער שימל?

.4

צי פאַרוואָס דער גריל אין וואַנט
שרעקט אים אין פאַרנאַכטן?
וואָס-זשע קלערט אַ קינד, אַ שוואַכס,
וואָס-זשע קאָן ער טראַכטן?

צי פאַרוואָס אין איין פאָר שיך
זיבן ברידער גייען,
ווען אין איינציקביימל דאָרט
ווינטער-ווינטן ווייען?

ווייל ער וויסן, ווען די נאַכט
נעמט אַרום דאָס שטעטל
און ס׳שלאָפט איעדער זיך געשמאַק
אין אַ וואַרעם בעטל —

פאַרוואָס שלאָפט זיין טאַטע ניט
און פאַרוואָס די זאָרגן?
ווייל ער וויסן — און פאַרקלערט זיך
וועגן נייעם מאָרגן?

.5

אַ הילצערן קעסטל
הענגט אויף זיין פּאַס;
נפתלי פאַרקויפט
סיגאַרעטלעך אין גאַס.

זיין טאַטע געשטאָרבן,
איז הונגערט זיין היים;
נפתלי דאַרף שפּייזן
זיי אַלע, אַליין . . .

יאָגט זיך נפתלי
אויף גאַס מיט געשריי;
ס'ברעכן די פיסלעך
אין העלזל טוט וויי.

נאָר ווער פילט זיין ווייטיק
און ווער פילט זיין וויי!
און ווער וועט דערהערן
זיין קינדיש געשריי?

.6

אין גאַס פאָרן פורן,
מאַשינען, טראַמוויי.
ס'איז יעדן דערלויבט דאָ
צו הונגערן פריי.

אויף גאַסן איז פריילעך.
דער שניי אַזוי קלאָר;
„פאנענקעס" זיך שליטלען
אויף שליטעלעך גאָר.

ס׳יאָגן זיך פערדלעך —
גלעקלעך קלינגט —
און ס׳פליען די שליטנס
אַזוי פלינק, אַזוי גרינג.

אויף גאַסן איז פריילעך.
מען וואַרפט זיך מיט שניי
און ס׳הילכן די גאַסן
מיט פריידיק געשריי.

.7

שוואַך איז נפתלי.
פּנים׳ל בלאַס;
ער לויפט שוין ניט מערער
אַרום היינט אין גאַס.

כאָטש קליין, ניט געוויקסיק —
הענטעלעך דאַר —
דאָך האָט שוין נפתלי
אַ מייסטער, אַ האַר.

אַ מייסטער וואָס שעלט אים.
אַ מייסטער, וואָס שלאָגט;
נפתלי מוז פאָלגן
ווען מייסטער אים יאָגט!

געזעלן ביים וואַרשטאַט
נייען שטיוול און שיך.
ס׳קלאַפּן די טשוועקעלעך
העמערלעך גיך . . .

8.

לויפן דאָרט הענטלעך
געשיקטע און גיך;
דאָך טראָגן געזעלן
צעריסענע שיך.

אין וואַרשטאַט איז דושנע.
דער קעלער איז קליין;
און ס׳גריזשעט אַ הינטל
אין ווינקל, אַ ביין!

9.

אין וואַרשטאַט, ביים שטעפּן קאמאַשן
האָט נפתלי
דערוואוסט זיך דעם סוד;
דעם סוד פון די בלאָטיקע געסלעך
פון נאַקעטע קינדער — דעם סוד . . .

אין קאַמפן צעברויזטע מאַרשירט ער.
איז שטענדיק
דער ערשטער אין ריי;
געענטפערט דעם רוף
האָט נפתלי
פון זיין אַרבעטער פּאַרטיי!

פּילסודסקי
האָט תליות און פּעטליעס
פאַר די
וואָס נאָר פאָדערן ברויט!
צעצינדט איצט נפתלי וואַרשטאַטן
אין העלן, אין פלאַמיקן רויט!

.10

ווער איז דער,
וואָס מעסט מיט דריבנע טריט,
טריט נאָך טריט,
טריט אין טראָט,
טראָט אין טריט?
זינגט דער טראָטואַר
אין ריטם פון די
טריט נאָך טריט,
טריט אין טראָט,
טראָט אין טריט.

אַרויף אַראָפּ,
אַראָפּ אַרויף . . .
ווער איז דער וועכטער?
ס'שפּאַצירן אַרום דאָ
אין פריידיק געלעכטער
„פּאַנעס", „פּאַנענקעס" —
פּוילנס חשוב'סטע זין און טעכטער!
איז ווער איז דער וועכטער?
וואָס וויל דאָ דער וועכטער?

.7

אין מיטן העלן טאָג,
אין מיטן שטאָט גערויש,
צווישן טומל פון טראַמווייען,
מאַשינען, וועגענער און פערד —

דערהערט האָט זיך אַ  ש אַ ס !
אַ צווייטער !
אַ דריטער !
און ווי אַ גלאָז,
אין מיטן טראָטואַר,
געפאַלן איז צעכנאָווסקי —
געפאַלן אַ פאַררעטער ! . . .

.8

און ס'האָט זיך
די הויפּט־גאַס פון לעמבערג
אַ שאָקל געטאָן !
און ס'האָבן זיך פייפלעך
צעפייפלט אין גאַס !
און ס'האָבן זיך גלעקער
צעקלונגען אין גאַס !
און ס'האָבן זיך מענטשן
אין ווילדן געלויף
געשטופּט זיך,
דערשטופּט זיך
מיט געשריי
און ס'איז פאָליציי
אָנגעלאָפן —
געטראָפן !

.9

ס'איז קיינמאָל נפתלי
אַזוי רואיק געווען.
זיין געמיט, אַזאַ מילדן
געדענקט ער ניט ווען . . .

אַ שטאָלצער דערהויבן
אויף אַקסלען זיין קאָפּ,
ווען ס׳יאָגט פּאָליציי זיך
אין ווילדן גאַלאָפּ!

דער שטאָלצער נפתלי
שטייט רואיק און גרייט;
ער האָט דאָך קאַמאַשן
ביים וואַרשטאַט געניים.

— „ס׳האָט קיינער געהאָלפן,
ס׳איז קיינער פאַרמישט;
איך האָב אַ פאַררעטער
פון וועג אָפּגעווישט!"

די אויגן זיי ברענען,
דאָס פּנים פאַרפלאַמט:
— „איך האָב אַ פאַררעטער
פון וועג אָפּגעראַמט!"

.10

געריכט-זאַל, איז ליידיק.
געריכט-זאַל, איז שטום;
פאַרצאַמט שטייען גאַסן
און געסלעך אַרום.

ס׳האָט לעמבערג דאָך מורא,
ס׳איז לעמבערג אין שרעק;
ס׳קאָן דאָס געריכט-הויז
מיט שטורעם אַוועק.

מען משפּט דאָ שנעל.
מען משפּט דאָ פלינק.
פון פריער באַשלאָסן
אַלץ אַזוי גרינג . . .

דער אורטייל פון פריער
פון לאַנג איז שוין דאָ ;
צו וואָס-זשע דאָס שפּילן זיך
שעה'ן נאָך שעה ?

ס'האָט פוילן איין ענטפער
אין קאַמפן פאַר ברויט ;
איין וואָרט אַזאַ וואָגיגקס —
איין ענטפער דאָ : ט ו י ט !

איז שמייכלט נפתלי
און פריי איז זיין בליק ;
ווער וועט דען פאַרשטיין ווען
זיין העלדישן גליק ?

און רעדט איצט נפתלי,
פאַלט וואָרט זיינס אַראָפּ,
ווי אַ מעכטיקער האַמער
אויף יעטווידן קאָפּ !

— — — — — — — — — — — —

.11

ס'ברענט און בראָט
די זומער-זון אויף פעלדער
און ס'קאָן קיין מענטשלעך אויג
ניט אויסהאַלטן איר שיין ;

נאָר הייסער ברענען איצט
נפתלי'ס אויגן
און שאַרפער פון אַ שפּיץ פון שווערד
איז איצט זיין בליק . . .

נפתלי ווייסט:
אַט איצט פאַרנאַכט,
ווען זון פאַרגייט אויף שפּיצן
פון די קלויסטער־צלמים,
וועט מען אים דערשיסן!
זיין לעצטע ליד
קלאַפּט אוים זיין טראָט
אויף האַרטן שטיין פון טורמע־הויף;
דאָך זינגט זיין האַרץ
אין ריטם פון זיין טראָט:
— „אַ שאָד! אַ שאָד וואָס כ'האָב איין
לעבן נאָר, וואָס הענגט שוין
איצט אויך אויף אַ האָר —
טויזנט לעבנס מיינע
וואָלט איך אָפּגעגעבן
איינס נאָך איינס,
מיט ליד אין ריי —
פאַר דיר, מיין פּאַרטיי!

.12

זיינע בליצנדיקע אויגן
זעען מחנות קומען אָן;
מחנות שוועסטער, ברידער, קעמפער
אונטער אונזער פאָן!

הערט ער איצט טרומייטערס שאַלן,
מחנות גייען, מחנות שפּאַנען,
מחנות גייען, גייען, גייען —
מאַרשירן דאָ מיט אים אין הויף;
זינגט ער העכער, זינגט ער שטאַרקער
און צעקלינגט דעם טורמע־הויף!

אַלע לענדער אין איין פייער!
אין איין פלאַם — די גאַנצע וועלט;
ערגעץ בליען רויטע רויזן
און אַ מאָרגן, ערגעץ העלט . . .

.13

אַז נפתלי איז געפאַלן
אַ צעשאָסענער ביים וואַנט,
האָט זיך טורמע צעוויגט,
צעשטורעמט,
צעברויזט!
קולות האָבן זיך געטראָגן
איבער קולות!
טענער האָבן זיך געהויבן
איבער טענער!
פויסטן האָבן זיך געביילט,
סיגנאַלן האָבן געהאַמערט
אין אַלע שווערע טורמע־טירן,
אין אַלע גראַטע־פענצטער,
אין אַלע טורמע־ווענט!
און טורמע האָט געגרעוועט!
און תפיסה האָט געדראָעט!

און קאַרצער האָט געשריען!
מ ע ר ד ע ר!
ה ע נ ק ע ר!
— „שטייט אויף איר אַלע
ווער ווי שקלאַפן . . . ״

— — — — — — — — — — — —

.14

— „אוי וויי, מאַמע, אוי וויי, שוועסטער,
ווינטן קלאַפּן היינט אין שויב;
ס׳איז היינט נפתלי אויסגעגאַנגען,
ווי אַ ווייסע טויב!

— „אוי וויי, מאַמע, אוי וויי, שעוועסטער,
ווישט זיך אוים די טרער פון אויג;
קיינער, קיינמאָל וועט פאַרגעסן
נפתלי באַטווינ׳ס טויט!

— „אוי וויי, מאַמע, אוי וויי, שעוועסטער,
ניט געוויינט און ניט געקלאָגט;
ערגעץ ברענט אַ וועלט אין פלאַמען,
אונזער מאָרגן, טאָגט שוין, טאָגט! . . .

# די באַלאַדע פון דער
# „שיינער קלעמענטיין"

(ענגלישע באַלאַדע)

אין אַ שאַכטע, לאַנג פאַרלאָזטער,
פינצטער, חושך, אָן אַ שיין —
האָט געלעבט אַן אַלטער „מיינער"
מיט זיין טאָכטער קלעמענטיין.

ליבסטע מיינע, ליבסטע מיינע,
ליבסטע מיינע, קלעמענטיין:
ביסט אַוועק, אַוועק אויף אייביק
אין דער בלויער נאַכט אַריין!

וועל איך איצטער אייך אויפשליסן
שווערן ריגל פון דער „מיין";
זאָלן דורות גאַנצע זינגען
ליד פון שיינער קלעמענטיין!

זאָלן גאַנצע דורות זינגען —
ניט פאַרגעסן איר געביין;
ס'האָט געלעבט אַ מיינער מיידל
עלנט אין אַ שאַכט אַליין!

ס'האָט געשפּיגלט זיך דער מיינער
אין איר קלאָרן, בלויען בליק;
און געפלאַטערט ווי אַ מעווע
פאַר איר לעבן, פאַר איר גליק.

אין פאַרנאַכטן טיפֿע, בלויע,
פֿלעגט ער וועבן איר אַ טרוים;
טרוים פֿון ברייטע לאָנקעס, טאָלן —
טרוים פֿון רוישן פֿון אַ בוים.

גרינג געווען איז ווי אַ פֿעדער.
חנ'עוודיק און שלאַנק אַזוי;
מיט אַזעלכע מילדע אויגן,
ווי דער זומער הימל-בלוי.

יעדן זומער אין פֿאַרנאַכטן
פֿלעגט זי זינגען פֿאַר דער „מיין";
זינגען טיף פֿאַרבענקטע לידער
ביז אַ האַלבער נאַכט אַריין . . .

קיינער ווייסט פֿאַרוואָס אַן אומעט
האָט איר האַרץ פֿאַר'סמ'ט מיט פּיין;
נאָר געצאַנקט פֿונקט ווי אַ ליכטל
האָט די שיינע קלעמענטיין! . . .

אין אַ נאַכט אַזאַ, אַ ווייסע,
מיט אַ זילבער שטערן-שיין —
האָט אַ ליכט זיך אויסגעלאָשן —
און אַוועק איז קלעמענטיין! . . .

ליבסטע מיינע . . .

# טאָם מוני

(באלאדע)

.1

העי, „קאר־באָי״, צי אָן דיין גיטארע
און שפּיל מיר מיט אומעט אין טאָן;
זאָלן טויזנטער הערצער פאַרנעמען
די באלאדע פון העלדישן טאָם!

זאָל קיינער ניט קיינמאָל פאַרגעסן
וואָס ס׳האָט ווען ביי אונז דאָ פּאַסירט;
שפּיל אוים מיר דיין הימן פון מאַרטירער,
וואָס מ׳האָט דאָ אומזיסט פּראָצעסירט . . .

אַ קעמפער געווען איז טאָם מוני —
אין דער אַרבעטער וועלט דאָ, באַליבט;
פאַרהאַסט ביי די טויזנטער שונאים —
פון די אַרבעטער מאַסן געליבט . . .

ניט איין מאָל האָט מוני געפירט דאָ
די אַרבעטער מאַסן אין סטרייק;
ניט איינמאָל האָט לאַנד זיך צעקלונגען
פון מוטיקן שטרייט! . . .

העי, „קאר־באָי״, צי אָן דיין גיטארע
און שפּיל מיר מיט ליבע אין טאָן;
זאָל קיינמאָל די וועלט ניט פאַרגעסן
דעם העלדישן מוטיקן טאָם.

אין ניינצן הונדערט און זעכצן
איז אין פריסקאָ געווען אַ פּאַראַד;
מיט פאָנען און פייקלעך און פויקן —
מיט טויזנטער „סלאָגנס״ פאַר קריג.

האָט ווער דאָ אַ באָמבע געוואָרפן —
פאַרוואונדעט, געטויט אַ צאָל;
העי, „קאו-באָי" שפּיל אויס היינט מיט אומעט!
העי, „קאו-באָי", צי אָן דיין גיטארע!

איז ווער האָט די באָמבע געוואָרפן
אַזוי אַ, אין מיטן דער גאַס?
ווער האָט דאָ די לעבנס פאַרלאָשן
אין בלוטיקן שפּאַס?

— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

האָבן זיי מוני'ן אין תפיסה פאַרשפּאַרט —
אַ בילבול אויף אים אויסגעטראַכט,
אַז ער האָט די באָמבע געוואָרפן
אין דעם פרילינג פאַרנאַכט.

האָט מען מוני'ן גע'משפט —
און פאַר'משפט צום טויט:
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

ווי זודיקע לאַווע פון קראַטער,
וואָס לאָזט זיך אויף פעלדער אין טאָל —
אַזוי האָט דאָס פאָלק דאָ געשטורעמט
אין הונדערטער טויזנט אין צאָל.

געטראָגן האָט זיך אָט־דער שטורעם
מיט אימפעט, מיט פייער, מיט ברען;
נאָר מוני׳ן האָט מען געהאַלטן
פאַרשפאַרט אין דער „תפיסה״ „קוועגטען״.

העי, „קאו־באָי״ צי אָן דיין „גיטאַרע״
און שפּיל מיר אַ טרויעריק ליד;
ס׳רעגנט אָט איצטער אין דרויסן
און אומעטיק איז מיין געמיט . . .

יאָרן, יאָרן פליען —
צוויי־און־צוואַנציק יאָר;
און ביים יונגען מוני׳ן —
זילבער־ווייס, די האָר.

יאָרן, יאָרן פליען —
יאָרן פון פאַרמעסט;
אין דעם קעמפער מוני —
קיינער ניט פאַרגעסט.

טויזנטער פּראָטעסטן
אויף דער גאָרער וועלט;
וואַרעמען די יאָרן
אין זיין תפיסה־קעלט.

יאָרן פליען, פליען —
מוט געגוג פאַראַן;
פון זיין תפיסה־קאַמער
זינגט אַרויס זיין שפּאַן.

הערט ער ווי מען פאָדערט.
הערט ער ווי מען מאָנט;
פילט ער אויך דעם כוח
פון דעם מאַסן־פראָנט.

העי, „קאו־באָי", שפּיל אוים מיר אַ פריילעכס —
אַ פריילעכס מיט האַרץ און מיט ברען;
טאָם מוני איז היינט אַ באַפרייטער
אַרוים פון דער תפיסה „קווענטען".

ס'איז ווינטער אויף פעלדער און וועלדער —
נאָר פרילינג אין האַרץ דאָ ביי מיר;
מאַכט אויף גיך פאַרריגלטע פענצטער —
צעפּראַלט פאַר מיין ליד יעדע טיר.

ס'שנייט איצט אויף גאַסן און געסלעך —
נאָר ווען מען אַרט עס איצט גאָר;
אַ טאַנץ לאָמיר גיין היינט אויף גאַסן
אין ניינצן ניין־און־דרייסיקסטן יאָר.

.6

העי, „קאו־באָי" שפּיל מיר אַ טרויעריקס —
ווי טרויעריק ס'איז היינט מיין געמיט;
ניטאָ מער טאָם מוני . . . געשטאָרבן!
צי אוים אויף די סטרונעס זיין ליד . . .

זאָל קיינער דאָ קיינמאָל פאַרגעסן
די באַלאַדע פון העלדישן טאָם;
אָ, שפּיל מיר, העי, „קאו־באָי", מיט ציטער
די באַלאַדע פון העלדישן טאָם . . .

ניו־יאָרק, מערץ, 1942.

# די באַלאַדע פון די „פופצן יאַטן"

.1

אויף אַ ברעג פון ציפּריםביימער
לעבן קלאָרן שפּיגל־וואַסער,
זיצן, שוויצן פופצן יאַטן —
פופצן יאַטעלעך־פּיראַטן . . .

ליגט ביים ברעג אַן אַלטע שיפל.
איז דאָס שיפל אַ פאַרלאָזטע;
רוען דאָרטן די פּיראַטן —
אַלע פופצן, פופצן יאַטן.

פופצן, פופצן, פופצן יאַטן:
יאַטן בראַווע, יאַטן פלינקע —
זאָגט מיר, זאָגט מיר, שטאַרקע יאַטן,
זענט איר אמת'ע פּיראַטן?

.2

האַרט ביים ברעג מיט ציפּרים ביימער
זיצן יאַטעלעך פּיראַטן;
מאַכן פּלענער, רייזע־פּלענער —
יעדער איינער איז אַ קענער!

יעדער איינער איז אַ קענער
אויסצוטראַכטן נייע פּלענער;
פּלענער — פענער — גרויסע מענער
טראַכטן אויס אַזעלכע פּלענער!

יעדער איינער איז אַ קענער,
יעדער איינער אַן אַנטדעקער;
צינגלעך שאַרפע — גלאָק און גלעקער —
יעדער איינער איז אַ וועקער!

מורמלט שטיל דער טייך אַ לידל,
וויגט, פאַרוויגט די יאַטן איין;
דרימלען יאַטן אויף די ברעגן
ביזן אָוונט־שיין.

צילן בליקן אין דער ווייטקייט,
אויגן־טירלעך, ברייט צעפּראלט;
חלומ'ען אַזוי די יאַטן
ביז אַ האָרן זיך צעשאַלט.

און אַז אָוונט פאַלט אַרונטער
און באַפאַרבט דעם טייך אין בלוי,
שווימען זיי אויף ווייטע ים'ען,
שווימען, שווימען ווייט אַזוי . . .

שאַבן שיפלעך אוים פון ביימער,
לאָזן זיך אויף ים'ען שווימען
אַ פלאָטילע פול מיט יאַטן —
פופצן קינדערלאַנד פיראַטן.

שווימען טעג און נעכט כסדר
אָן אַן אָפּרו, אָן אַן אָפּשטעל,
פופצן קינדערלאַנד פיראַטן,
פופצן לעבעדיקע יאַטן.

קומען זיי אָן צו אַן אינזל,
וואוינען דאָרטן אינדיאַנער;
שיסן זיי ניט מיט די ביקסן,
נאָר באַגריסן, נאָר באַגריסן:

— „ניט געקומען איך פאַרטרייבן
און דאָס לאַנד ביי אייך פאַרנעמען;
וואוינט זיך, ברידער, דאָ אין פריידן
אין דעם גאָלדענעם גן־עדן!

נאָר אַ ברודער־גרוס געבראַכט אייך
סיי פון נאָענטע, סיי פון ווייטע;
לעבט זיך, ברידער, דאָ אין פריידן,
ווי אַ באָבע מיט אַ זיידן.

פּאַשעט אייך די פערדלעך פלינקע,
שיסט די פיילן פון דעם בויגן;
אַקערט פעלדער, שניידט די ברויטן
ביז די זון פאַרגייט אין רויטן.

און אַז בלויער אָוונט לאָזט זיך
אויף די פעלדער זיך צעשפּרייטן
און עס דרימלעןביימער, גראָזן
און די קילע ווינטלעך בלאָזן,

ביי דעם ערשט־צעלייגטן פייער
מעשיות אַלטע, מעשיות נייע
פון אַ לעבן, פון אַ פרייען
טוט באַנייען, טוט באַנייען...

און ווען די לבנה־שוועסטער
פון די הויכע בערג באַווייזט זיך
זאָלן אַלע טאָלן קלינגען
און די וועלדער זיך צעקלינגען!

.4

אויף אַ ברעג פון ציפּריםביימער
לעבן קלאָרן שפּיגל-וואַסער
זיצן, שוויצן פּופּצן יאַטן,
פּופּצן יאַטעלעך פּיראַטן.

בויען שלעסער אויפן וואַסער
און פּאַלאַצן אויף די זאַמדן,
און טונעלן אונטער ים'ען,
און אויף שפּינוועבס-בריקן שפּאַנען.

איז דער טייך אַ קלאָרער, קלאָרער,
לאָזט מען זיך אויף ים'ען ווידער;
אַ פלאָטילע פון פּיראַטן
פּופּצן בראַווע, שטאַרקע יאַטן.

קלאַפּן אָן זיך שיף אין שיפלעך,
זינקען שיפן, ברענען שיפן,
אַ גערודער, אַ געפּילדער
איבער פלאַמענדיקע שיפן.

אָפּגעלאָשן, איינגעשטילט זיך,
פּאָרט מען זוכן נייע לענדער;
אַנקערט מען די שיפן-אַנקער
לעם אַ וועיטן אינזל ווידער . . .

וואוינען דאָרטן נעגער-ברידער,
ווי געזונטע, שטאַרקע ביימער;
גריסן זיי זיך מיט די יאַטן
פּופּצן קינדערלאַנד פּיראַטן.

טראָגן זאַלץ מיט ברויט אַנטקעגן,
שפּרייטן ווייסן זאַמד אויף וועגן,
ביז עס טאָגט דער טאָג דער גייער
זיצט מען רונד אַרום אַ פייער!

רייבט מען אָן אַ נאָז אין נעזל
און מען קלאַפּט זיך אָן אין שטערן,
און מען בייט זיך מיט די ליולקעס
אַזש פון פרייד די אויגן טרערן.

טאַנצן טעכטער ווילד און ווילדער
רונד־אַרום דעם פייער,
טאַצן פּלאַצן, צימבלען גרימבלען
אין אַ ווילדן טאַנץ זיי ווירבלען.

נאַכט איז טיף און נאַכט איז שטום,
קרייעט ערגעץ־וואו אַ האָן
און עס שמעקט דאָס פעלד אין מאָן,
ערגעץ פלאַטערט וואו אַ פאָן . . .

טאַנצן טעכטער ווילד און ווילדער
רונד אַרום, אַרום דעם פייער,
זיי באַגריסן איצט די יאַטן
פּופּצן קינדערלאַנד פּיראַטן.

.5

זון שוין באַלד פאַרגאַנגען,
שאָקלען זיך אין וואַלד די זאַנגען
און אַ לעצטער פּאָדים רויטער
שפּיגלט זיך אין וואַסער לויטער.

פייגל-פויגל שוין פארפלויגן.
פונעם הימל, טויזנט אויגן
פול מיט זומערדיקע טרוימען
קוקן אויף ציפּריסן קרוינען.

בלוי און בלויער, גרינג און גרינגער
אויף די גראָזן שפּרינגען שפּרינגער,
בלאָזט אַ ווינטל לינד און לינדער,
רייט די נאַכט אַריין אַצינדער.

רייט אַ טונקל שוואַרצער רייטער,
לויפט פאַרביי און רייט זיך ווייטער;
רייטער-ווייטער אין דער נאַכט,
וואָס האָסטו פאַר אונז געבראַכט?

— — — — — — — — — — — —

אין אַזאַ פאַרנאַכט, אַ שטילן, —
פייפן אין די גראָזן גרילן;
און אין ווייס-געבעטע בעטן
פייפן קינדערלאַנד שטאָפּעטן.

ווער סע פויקט אין פויקן-קעסל,
ווער עס ריטשעט ווי אַ פעסל,
ווער סע מיאווקעט ווי אַ קעצל,
ווער סע קלאַפּט אַ טאַץ אין טעצל . . .

ווער עס נעמט אַרום דאָס קישן,
ווי ער וואָלט אַ מאַמע גלעטן,
ווער עס האַלט פאַרלייגט די הענטלעך,
ווי ער וואָלט פאַר עפּעס בעטן.

ווער די דעק אראָפּגעוואָרפן
און פאַרדעקט ליגט מיטן קישן,
ווער פון בעט אראָפּגעקייקלט
צווישן בעט און וואַנט צווישן.

ווער עס לאַכט אין הויך געלעכטער,
וואָס צעזינגט זיך
און צעקלינגט זיך
און פאַרלירט זיך אין די ווינקלעך.

ווער סע רייט אויף פערדלעך פלינקע,
ווער סע שווימט אויף טייכן מילדע,
ווער אויף בופאָלאָס פאַרשייטע
יאָגט זיך אין די זשאָנגלס ווייטע . . .

— — — — — — — — — — — —

קינדערלאַנד, קינדערלאַנד ראַ! ראַ! ראַ!
ס׳איז די נאַכט אַ שטילע אַזאַ.
שלאָפן בלעטלעך — ניט קיין ריר,
צוגעמאַכט איז טיר נאָך טיר.

איבער בוים, לבנה־שיין
לאַכט אין באַנגאַלעס אַריין . . .
ס׳שלאָפט אין גראָז שוין לאַנג די גריל
און ס׳גלעט אַ ווינטל קיל.

## .7

נאַכט איז ווייט און נאַכט איז קיל,
ס׳איז אין דרויסן שאַ און שטיל . . .
אויבן שטערן פינקלען ווייט —
אַזאַ רואיקע די צייט . . .

נאַכט איז ווייט און נאַכט איז טיף,
ערגעץ אויף אַ זעגלשיף
שווימען פּופּצן, פּופּצן יאַטן,
פּופּצן קינדערלעך פּיראַטן . . .

אויפן מאַסטבוים — רויטע פאָן.
סערפּ און האַמער אויבן־אָן.
קושט זיך סערפּ מיט האַמער־ברודער —
האַלטן יאַטן פעסט דעם רודער! . . .

# די באַלאַדע
# פון אַ מאָלדעוואַן בונטאַר

(פראגמענט)

דערצייל מיר אַ מעשה, העי, באַדע,
ווי דו פלעגסט מיר דערציילן אַמאָל;
פון דעמאָלט, אַ מבול מיט יאָרן
אַוועק זיינען ערגעץ אין טאָל . . .

און דאָך, ווען ס'קלאַפּן די ווינטן אין שויב מיר,
און ס'וואָיעט די נאַכט ביי מיין טיר —
דערהער איך דיין מעשה, העי, באַדע,
נאָך גליען אין האַרצן, ביי מיר!

דערהער איך דיין מעשה, העי, באַדע,
פון אַ צאַראַן, אַ בונטאַר,
וואָס באַהאַלט זיך אוים אין די וועלדער
ניט ווייט פון הוטאַר . . .

ווער האָט אים, דעם פעטן גלח
אויסגעפּאַטשט אין מיטן הויז,
אַז אַנטלאָפן איז פון דאָרטן
מיטן לעבן בלויז? . . . .

ווער האָט אים, געוואגט ניט געבן
פון גערעטעניש אַ מ אָ ס,
ווייל ער האָט דאָך גאָט געבעטן
פאַרן רעגן-גאָס? . . .

— — — — — — — — — — — — —

דערצייל מיר אַ מעשה, העי, באַדע,
ווי דו פלעגסט מיר דערציילן אַמאָל;
פון דעמאָלט, פון דעמאָלט פאַרגאַנגען
זיינען, צענדליקער יאָרן אין טאָל . . .

נאַכט געווען אַ שוואַרצע.
הימל, האַרבסטיק־גרוי;
אין דער נאַכט דער שוואַרצער
פּאַסירט האָט אַט אַזוי:

קיינער ווייסט ניט זיכער,
ווי ס'האָט זיך געמאַכט
ווער ס'האָט אָנגעצונדן
אַט־די שוואַרצע נאַכט.

ווער ס'האָט גלאָק געצויגן
און דאָס דאָרף געוועקט;
דאָרף ווייסט אָבער זיכער,
וועמענס האַנט דאָ שטעקט . . .

פריץ־הויף און שייער
גייען מיטן רויך;
פלאַקערט, פלאַקערט פייער
העכער אין דער הויך.

מויערן און שטאַלן,
גאַנצע בערג מיט היי;
פלאַקערט איצט דער פלאַקער
פלאַמיקער אויף זיי.

לויפן פערד פון שטאַלן,
אָקסן, שאָף און קי;
איבער אַלע פלאַמען
פלאַטערט טויבן־פלי.

אַלץ איז שוין פאַרפאַלן.
קופּעס שטיין און ליים;
ווײנענדיקע ווערבע
זינגט דאָרט אין געוויין!

אַלץ איז דאָ אַ חורבה.
אַלץ ליגט דאָ פאַרברענט;
ערגעץ־וואו נאָך שטאַרן
שטיינערדיקע ווענט!...

דאָס פאַרמעגן גרויסע —
פון אונזער בלוט געריבט,
אָפּגעווישט געוואָרן —
אַלץ דאָ אָפּגעשויבט!

— — — — — — — — — — — — —

ווער איז אָט־דער עמיצער
און פאַרוואָס ניט שלאָפט ער?
דערפל ווייסט גוט ווער ער איז
און פאַרוואָס ער שלאָפט ניט!

דערפל ווייסט גוט ווער ער איז!
דאָרף װעט ניט אויסזאָגן;
דערפעלע איז שטענדיק גרייט
אויף די הענט אים טראָגן!

ווייל אויב ס׳ווײנען וואו ניט איז
הונגעריקע קינדער —
וואַקסט דער עמיצער באַלד אויס
קומט צוגיין אַצינדער,

מאַכט אויף ערגעץ־וואו אַ טיר
לאָזט ער דאָרטן איבער
פולע אַלמערם אַלדאָס גוטס
פאַר די קליינע קינדער.

פולע אַלמערם אָנגעשטאָפּט
מיט ברויטן און מאסלינעס;
מיט בייגעלעך און צוקערלעך
און פרישן קעז פון סטינעס! . . .

— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

דערציייל מיר אַ מעשה, הערי, באָדע,
ווי דערציילט האָסט אַ מעשה מיר דאַן,
פון אים, אַ באָדע, צאראנע,
פון דעם העלדישן מאָלדעוואַן.

ניו־יאָרק, 1טן דעצעמבער, 1935.

# די באַלאַדע פון ציגעלע־ציג

1.

אין שטאָט זיינען נעכט דאָרטן גרויע —
אין דאָרף — זיינען נעכט אַזוי בלוי;
אַ מעשה וועל איך אייך דערציילן,
וואָס הייבט זיך היינט אָן אָט אַזוי:

אַמאָל און אַמאָל און אַמאָל —
אַמאָל און אַמאָל איז געווען;
פאַרוואָס האָט אַמאָל דאָס געטראָפן?
כ׳ווייס ניט פאַרוואָס און פאַרווען!

אַמאָל האָט אַ זון זיך צעשטראַלט
אויף אידישע קינדער אין פעלד;
געשטיפט האָבן גליקלעכע קינדער
מיט ציגעלעך ווייסע אין געצעלט.

גאָלדענע ציגעלעך, ציגן —
זוניקע וויַיצן אויף זאַנג;
פאַרהילכט האָבן פעלדער און טאָלן
דאָס פריילעכע קינדער געזאַנג.

געטאַנצט האָט דאָס ציגעלע ווייסע
אויף פעלדער מיט בלומען אין בלוי;
געשטיפט און געשפרונגען אויף פעלדער —
געטאַנצט און געזונגען אַזוי:

„טראַלאַ־לאַ־לאַ־לאַ־, לאַלאַ —
אָ, פעלדער מיט גראָזן אין גרין —
ווי גוט איז צו לעבן און לאַכן
און פריי זיין ווי אין זומער די בין!

אַ שפרונג אין דער לופט און אַ בלעטל —
אַ טאַנץ אין אַ זייט און אַ בלום;

אַ לויף און אַ יאָג איבער טאָלן —
אַ שטיף אויפן פעלד דאָ ארום!

אַ זון אַזאַ גאָלדענע אויבן —
אַ שאָטן ביים זייט פון אַ בוים;
איז גלוסט זיך דיר טאַנצן — איז טאַנץ!
און גלוסט זיך דיר טרוימען איז — טרוים!

אַ טייך אַזאַ זויבערער, קלאָרער
און כוואַליעס וואָס וויגן זיך קוים;
איז גלוסט זיך דיר טרינקען, טאָ טרינק־זשע —
און דרימל אין שאָטן פון בוים.

און ווילסטו געזאַנג פון די פייגל
אין זוניקער גאָלדענער שיין —
טאָ בלייב נאָר אַביסעלע שטילער
און הער זיך נאָר, הער זיך נאָר איין!"

— — — — — — — — — — — — —

האָבן מאַמעס פארוויגט זייערע קינדער
מיט לידער פון ציגעלע־ציג;
האָבן פיצעלעך אידישע קינדער
גע׳חלומ׳ט אין וויגעלע־וויג.

גע׳חלומ׳ט פון גאָלדענע ציגן,
וואָס טאַנצן אויף פעלדער מיט מאָן;
געטרוימט מיט די ווייצן אויף פעלדער
פאַרטאָג ווען סע קרייעט דער האָן.

.2

אין שטאָט, זיינען נעכט דאָרטן גרויע.
אין דאָרף זיינען נעכט אַזוי בלוי;
אַ מעשה׳לע וועל איך אייך דערציילן,
וואָס הייבט זיך גאָר אָן אָט אַזוי.

פאַרטריבן די ציגעלעך ווייסע!
פאַרשפּינט היינט אין שפּינוועב, די וויג;
ס'דערציילן שוין מער ניט די מאַמעס
אַ מעשה פון ציגעלע-ציג . . .

אין שלאָף היינט זיך שרעקן די קינדער,
סע ברענט היינט די וועלט אין אַ פלאַם;
מען יאָגט היינט פון שטאָט און פון שטעטל,
ס'ברענט אונדז די ערד און דער ים.

פאַשיסט איז באַפאַלן די היימען —
ווי שפּאַרבערס מיט שנאָבלען פון שטאָל;
אין פּיין שטייען קעפּ היינט געבויגן —
און ביינער וואָס וויינען אין טאָל.

אַ שרעק איז די וועלט היינט באַפאַלן —
מיט שווערד און מיט ביקס און מיט האַס;
אַ וועלט ווערט היינט חרוב אין פלאַמען
פון שווערד און פון ביקס און פון האַס!

אויף שלאַכט-פעלד אין אַלע עק וועלטן,
קעמפט מוטיק דער אַנטי-פאַשיסט;
העלדיש דאָרט קעמפט רויט-אַרמייער
און היטלערס אַרמייען צעשיסט.

ס'איז שטאַרק נאָך פאַשיסטישער שונא,
אין אייזערנע צוואַנגען זיין קראַפט;
ער הוליעט נאָך בייזער פון ווינטן
און זויגט נאָך אַרוים אונזער זאַפט!

עס שפּאַנט נאָך דער אײַזערנער קנאַפּל,
פאַרשטעלט נאָך די זון אויפן פעלד;
און שעכט נאָך און שעכט אָן רחמנות
און טיליקט און הרג׳עט אַ װעלט.

און מאַמעס און קינדער אַנטלויפן
אויף װעגן פון בלוט און פון רויך;
ניטאָ שוין, מײַן קינד, װאו צו לויפן —
צו לײַדן, ניטאָ שוין קיין כּוח.

.3

אין שטאָט, זײַנען נעכט דאָרטן גרויע.
אין דאָרף — זײַנען נעכט אַזוי בלוי;
װעל איך מײַן מעשה׳לע איצטער
פאַרענדיקן מיר אָט אַזוי.

ניט שרעקט זיך איצט קינדערלעך־קינדער —
דער שונא װעט פאַלן אין קריג;
די טאַטעס אין קאַמף מיט פאַשיסטן
װעלן זיכער דאָ ברענגען דעם זיג.

און גאָלדענע ציגעלעך־ציגן —
זוניקע װײַצן אויף זאַנג;
װעלן װידער פאַרהילכן די טאָלן
מיט פרײלעכן קינדער־געזאַנג!

און װידער װעלן ציגעלעך, װײַסע,
טאַנצן אויף פעלדער אין בלוי;
און איר אין די פרײַע געצעלטן —
װעט שטיפן דאָ, פרײדיק אַזוי . . .

קינדערלאַנד, 1טן אויגוסט, 1942.

# די באַלאַדע
# פון דער וואַסער־מיל

.1

אויפן ווייטן פרונד
אין אַ טאָל אַ ברייטן,
וואו סע וואַקסן ווילדע
הויכע דערנער־קווייטן
שטייט אַ מיל אַן אַלטע.
האָט זי פענצטער קליינע
פונעם מעל פאַרשטויבטע.
האָט זי ווענט צעמוילטע
פון דער זון באַרויבטע.
איז דער דאַך אַן אַלטער,
איז דער דאַך געבויגן,
האַלט ער בלויע שוואַלבן
צו זיך צוגעצויגן.
וואַקסט אַ קוקורוזע
צווישן מאָך און גראָז,
ווײַנט די קוקורוזע
ווען די ווינטן בלאָזן . . .
ווער האָט אויפן דאַך דאָרט
בלימעלעך צעשפּרינקלט?
וועמענס בלויע אויגן
אויפן דאַך, צעפינקלט?
פאַר דער טיר, צעפּראַלטער,
ליגט אַן אַלטער מילשטיין.
(קיילעכדיקער מילשטיין
האַלט אין זיך פאַרצייכנט
מיינע וויען, מיינע פרייד!)
רומענישער סטעפּ.

.2

ביי דער זייט פון װענטל
שטייט אַ ראָד אין דרויסן.
און דער פאַל פון װאַסער
דרייט דעם ראָד דעם גרויסן.
פאַלט אויף אים דאָס װאַסער,
דרייט ביים זייט דאָס ראָד זיך,
דרייען זיך די שטיינער
אין דער מיל דער אַלטער,
ציטערן די װענטלעך
פונעם מעל פאַרשטויבטע,
קלינגען אַלע שויבן
פון דער זון באַרויבטע.

.3

משה׳לע און שעיה׳לע,
שרה׳לע און איך —
לויפן אין דער מיל אַרום
באָרוועסע, אָן שיך.

שפילן מיר אין כאַפּערלעך
שרה׳לע און איך.
איך גאָר כאַפּן שרה׳לען —
שרה׳לע — גאַרט מיך . . .

לויפן מיר אַרום די קוישן
אין דער אַלטער מיל.
ערגעץ קלינגט אַ דוינע, דוינע —
און ס׳גרילט אַ גריל.

לויפט זי און באַהאַלט זיך אוים
לעבן פולן קויש.
לויפן נאָך, געפינען איר —
וועמען אַרט דער רויש?

4.

לאָזט זיך כאַפּן שרה'לע
און דערלאַנגט איר האַנט.
זעצן מיר זיך אויף דער פריזבע
ביי דער וואַנט.

ליגט פאַר אונז אַ קלאָרער שפּיגל
אינעם טייך פון מיל.
שפּיגלט זי זיך אָפּ אין וואַסער —
איך? אין איר פּראָפיל!

ליגט פאַר אונז אַ קלאָרער שפּיגל,
זינגט דאָס וואַסער אונז אַ ליד.
איבער אונז, אין בלויען הימל
בלויע שוואַלבן-פליגל פליט!

# קעווין בערי

(אירלאַנדישע באַלאַדע)

אין אַ זונטיק־טאָג באַגינען,
אויף אַ תליה שוואַרץ באַמאָלט —
האָט קעווין בערי מיט זיין לעבן
פאַר דער פרייהייט דאָרט באַצאָלט.

אַ יונגער יאַט און פול מיט לעבן —
אַכצן זומערן אין בלי;
איז געגאַנגען צו דער תליה
מיט אַ פלאַמענדיקן גלי.

אין פרימאָרגן פון סעפטעמבער,
רונד אַרום דער בעקעריי —
האַבן קאַמפן זיך צעדונערט:
— „אירלאַנד, אירלאַנד, מוז זיין פריי!" . . .

— „שיסט מיך ווי אַ בראַוון זעלנער!
הענגט מיך ניט אויף שפיץ פון בוים;
ווייל געקעמפט האָב איך פאַר אירלאַנד —
פאַר איר פרייהייט, פאַר מיין טרוים! . . ."

ענגלאַנד'ס זעלנער מוטשען בערי'ן
צווישן תפיסה־קאַמער ווענט —
די חברים אַרויסגעבן
צו דעם שונא אין די הענט.

— „זאָג אונז אויס נאָר אַ פּאָר נעמען
און אַ פרייער מעגסטו גיין!"
האָט דער בראַווער קעווין בערי
שטאָלץ געענטפערט: ניין! ניין! ניין!" . . .

# הירש לעקערט

(באַלאַדע)

1.

קינדער מיינע, קומט איצט נעענטער —
זעט ווי שיין די זון פאַרגייט:
לעצטער רויטער שטראַל זיך טובל'ט
אין דעם בלויען „סילוועןֿ-לעיק".

זעט דעם באַרג אַנטקעגן איבער
ווי ער בלויעט זיך אין רויך;
זעט דעם וויאַלעטן רייטער,
ווי ער יאָגט זיך אין דער הויך.

אין די הויכע ציפּרים-ביימער
ראָבין-פויגל שוין אין שלאָף;
אויף זיין פייפל, פאַסטוך זיכער
פייפט אַ ליד צו זיינע שאָף.

וועל איך אייך איצט שטיל אויסזינגען
ליד פון בראַוון שוסטער-יאַט;
הערט ווי שטיל סע מורמלען צווייגן —
זעט, ווי ס'ציטערט קוים דאָס בלאַט.

לעצטער שטראַל פון טייך פאַרשוואונדן.
אַזוי פינצטער אין געצעלט;
זאָל איצט ליד פון הירשקע שוסטער
זיך צעקלינגען דאָ אין פעלד! . . .

2.

ס'האָט געלעבט אַ בראַוער שוסטער
אין אַ ווילנער הינטער-גאַס;

זינג איך איצט דאָס ליד פון שוסטער
פון דער ווילנער הינטער־גאַס.

הירשקע ליבער, הירשקע בראַווער —
ליבער ברודער פון מיין שטאַם:
זאָלן הערצער זיך צעברענען,
אויפגיין, הירשקע, מיט דיין פלאַם.

זאָלן אַלע דורות זינגען
לעקערט׳ס ליד פון שוסטער־גאַס —
וואָס באַצאָלט האָט מיט זיין לעבן
פאַרן כבוד פון זיין קלאַס!

.3
וויפיל לעבנס אויסגעלאָשן?
קעמפער וויפיל שוין געקעפט?
הירשקע ליבער, הירשקע בראַווער,
ערשט נאָר־וואָס האָט דאָ געלעבט!

ערשט געלעבט און שוין ניטאָ מער!
שונא האָט אים אָפגעראַמט;
זאָל זיין שטאַם זיך מערן, מערער,
ווי דאָס ווייסע זילבער זאַמד!

.4

ערשטער מאַי אויף ווילנער גאַסן...
ליד פון פרייהייט, פלאַטער פאָן;
אין די גערטנער רויזן בליען —
אויף די פעלדער, רויטער מאָן!

אַזאַ טומל אין די גאַסן . . .
אַזאַ פּחד, אַזאַ שרעק ;
נאָר דאָס פֿאָלק פֿון שניידער, שוסטער,
שפּאַנען מונטער זיך אין וועג.

פֿלאַטערט האַרץ אין טאָג פֿון יום־טוב —
קלינגען לידער מונטער, פֿריי ;
זאָל אַ ציטער טאָן דער שונא
אין דעם ערשטן טאָג פֿון מאַי.

ווילנער גאַסן, גאַפּן שטומע ;
ניט געזען אַזאַ פּאַראַד ;
פּלוצלונג איז זיי דאָ באַפֿאַלן
אַ קאָזאַקישער אָטריאַד.

און געטריבן מיט נאגייקעס
און צעטריבן קינד און קייט ;
אַ באַפֿעל פֿון גובערנאַטאָר
צו פֿאַרשטערן טאָג פֿון פֿרייד !

ווי און ווינד און ווינד און ווי,
ווי דער שונא שלאָגט און טרייבט —
ווי ער שמייסט מיט נאַסע ריטער
אויפֿן בלויזן, הוילן לייב.

.5

ס׳איז געוואוינט אַיעדער קעמפֿער
צו די טונקעלע תּפֿיסה־ווענט ;
וויפֿיל צייכנס טראָגן טורמעס
פֿון דעם קעמפֿערס הענט ?

ס׳קאָן אַ חבר צו דער תליה
שפּאַנען מוטיק, מיט אַ ליד;
ניט איין קעמפער זיך דערוואָרגן
מיט זיין לעצטער פרייהייט-ליד! . . .

אָבער ניט געוואוינט איז חבר
ווערן אָט אַזוי פאַרשעמט;
אויף נאַקעט לייב געשמיסן ווערן —
און דאָס האַרץ האָט אַזש פאַרקלעמט!

קעמפער האָבן קעמפער ווירדע!
מענטש איז הייליק! מענטש איז טאַט!
אַזוי חוצפה׳דיק באַשטראָפן
וועט ניט דולדן ווילנער יאַט!

האָט הירש לעקערט פעסט באַשלאָסן
(און באַשלוס דערפילט אַליין!)
אַז ער מוז נקמה נעמען
פאַרן געשמיסענעם געביין!

האָט הירש לעקערט פעסט באַשלאָסן
און באַשלוס דערפילט אין טאַט:
קויל געצילט אויף גובערנאַטאָר
האָט דער ווילנער שוסטער-יאַט!

און כאָטש קויל האָט ניט געטראָפן
און דעם שונא ניט צעשטערט —
איז הירש׳ס קאָפּ דאָך פאָרט געפאַלן
פון דעם שונא׳ס שאַרפע שווערד!

— — — — — — — — — — — — —

.6

קינדער מיינע, בראַווער הירשקע
איז אַוועק פון אונזער וועלט;
זיין יונג לעבן אויסגעלאָשן
האָט מען ערגעץ אויף אַ פעלד!

— — — — — — — — — — — — — —

.7

שפּעטע שעה דאָ! נאַכט שפּאַצירט שוין
איבער באַרג און איבער טאָל;
אויפן בלויען זומער-הימל
פינקלען שטערן אָן אַ צאָל.

זינג איך איצט דאָס ליד פון שוסטער
פון דער ווילנער הינטער-גאַס,
וואָס באַצאָלט האָט מיט זיין לעבן
פאַרן כבוד פון זיין קלאַס!

# אַ וואָרט פון „נחום וויסמאַן־בוך־קאָמיטעט״

די דאָזיקע לידער זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך אַ קאָמיטעט פון דער נחום וויסמאַן שול 109, פון יידישן פּראָטערנאַלן פּאָלקס־אָרדן.

נחום וויסמאַן איז געווען צווישן די קעמפער (קעגן די רעאַקציאָנערע כוחות פון אַרבעטער־רינג), מיטאַרבעטער און לערער, וועלכע האָבן געהאָלפן אויפבויען אונדזער פּרעכטיקע אינסטיטוציע — די יידישע קינדער־שולן פון דעם יידישן פּראָטערנאַלן פּאָלקס־אָרדן.

אין קעמפּ „קינדערלאַנד״ איז באַרימט געוואָרן זײַן „באַנגאַלאָ 19״, אויף וועלכן ער האָט שוין געהאַט אַ „חזקה״. אָבער אַחוץ „באַנגאַלאָ 19״, האָט ער זיך אויך אָפּגעגעבן מיטן נאַטור־צימער, מיט גערטנערײַ, און האָט זייער אָפט ליב געהאַט צו נעמען די קינדער אויף עקסקורסיעס צו שטודירן פאַרשיידענע פלאַנצן, חיה׳לעך, אינזעקטן און אַנד.

און די קינדער האָבן געהאַט פאַר אים גרויס רעספּעקט אַלס לערער, און ניט קלענערער איז געווען זייער ליבשאַפט צו אים אַלס חבר און אָנטייל־נעמער אין זייערע שפּילערייען. עס האָט אַלע קינדער פונעם קעמפּ געצויגן צו „באַנגאַלאָ 19״. מען האָט שוין געוואוסט, אַז צום נחום וויסמאַנ׳ען דאַרף מען ברענגען אַ שלאַנג, אַ זשאַבע, אַ טשערעפּאַכע, אַ שמעטערלינג, אַ העזל — און נחום וויסמאַן וועט שוין דערציילן וואונדערבאַרע מעשיות וועגן די אַלע זאַכן. און — זײַן נאַטור־צימער איז געוואַקסן און געוואַקסן.

און נחום האָט נאָך געפונען צייט צו שרייבן לידער וועגן דעם לעבן פון די קינדער אין „קינדערלאַנד״ און אויף פאַרשיידענע אַנדערע טעמעס: זײַן האַרץ און זײַן מוח זײַנען געווען וואַך צו אַלע צאַפּלדיקע פּראָבלעמען פון לעבן.

אָבער מען קען זאָגן, אַז קינדער האָבן פאַרנומען אין זיין האַרץ דאָס צאַרטסטע ווינקעלע — באַזונדערס די קינדער פון „קינדערלאַנד״.

אַזוי האָט ער געלעבט און געשאַפן ביזן לעצטן טאָג פון זיינע פופציק יאָר. און דעם 31טן דעצעמבער, 1944, איז אויסגעגאַנגען זיין צאַרטע קינדישע נשמה. פון זיין האַרציקער פרוי, טאניא, האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז ער האָט איבערגעלאָזט אַ סך לידער. און אָט־אַזוי איז געשאַפן געוואָרן אונדזער קאָמיטעט, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען מיט גרויס פלייס און געטריישאַפט צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פונעם ליב־האַרציקן נחום ווייסמאַן דורך אַ בוך לידער, וואו אַחוץ „קינדערלאַנד״־און קינדער־לידער זיינען אויך דאָ קאַמף־לידער און לידער, וועלכע רופן צום שלום און צו אַ נייער בעסערער וועלט.

און אין נאָמען פון דער נחום ווייסמאַן שול 109, וויל איך דאָ אויסדריקן אַ האַרציקן דאַנק און גרויס אָנערקענונג פאַר דער גוטער אַרבעט פון אַרויסגעבן דאָס בוך — דעם „נחום ווייסמאַן־בוך־קאָמיטעט״, וועלכער באַשטייט פון פאָלגנדיקע מיטגלידער:

איטשע גאָלדבערג, קולטור־דירעקטאָר פון יידישן פאַרטערנאַלן פאָלקס־אָרדן און זיינע שולן — איז רעדאַקטער פונעם בוך.

מארטין בירנבוים — צוזאַמענשטעלער.

דינה ווינשטאָק — איינע פון די גרינדער פון דער נחום ווייסמאַן שול.

סאָניא ווייסמאַן, סעקרעטאַרין; סאָפי קאָרסון, דזשענעט עפּלבוים, בעלא ראבאָס, ארטשי און סיליא קארפּאטקין און מאָ וויניקאָט.

אַ דאַנק די אַבאָנענטן און ביישטייערער, וועלכע האָבן געהאָלפן און מעגלעך געמאַכט דאָס אַרויסגעבן פונעם בוך, וועלכן מיר ווידמען צו דער ליבער און טייערער חבר׳טע טאניא ווייסמאַן, וועלכע איז געווען אַ געטרייע לעבנס־באַגלייטערין צו נחום ווייסמאַן אין אַלצדינג און אויך אין דערציען זייערע צוויי קינדער, אהרן און ביילקע, אין פּראָגרעסיוון גייסט.

**ב. איצקאָוויטש,**

פאָרזיצער פון נחום ווייסמאַן בוך־קאָמיטעט
און נחום ווייסמאַן שול 109, א. פ. פ. אָ.

# אינהאַלט

זייטל


נחום ווייסמאַן

פון א. גאָלדבערג ........ 7

פון דער סעריע

„צעריסענע בלומען“ .... 15

צעריסענע בלומען .......... 17

מיין זון גייט אויף .......... 22

ס׳איז מיין שוועל איצט פול מיט זילבער ................ 23

פאַרגליווערטער טוי ........ 24

אין די פענצטער מיר רוישן היינט. מיין האָלצפּיקער .. 25

אַ בלום פאַר דיר .......... 26

גאָלדן גליק.

איך האָב אַליין .......... 27

מיינע בלומען ............ 28

מיין ליד גייט אויף .......... 29

ליד .................. 31

איך קום צו אייך .......... 32

אַ גאַנצע נאַכט .......... 33

ליד .................. 34

איך טראָג אין זיך .......... 35

מיין טיר איז אָפן . . .

פאַרטאָג אויפן פאַרם ..... 36

שלעפערדיקע פייגעלעך ..... 38

עמיצער ווײנט אין דער נאַכט 40

פרייד פון אַרבעט .......... 41

מיר שפּאַנען ............ 42

קום, לאָמיר טרוימען צוזאַמען 44

איך זע דיך, מיין דערפל .... 45

שפּיל ציגיינער ............ 46

נאַכט איז טיף און צאַרט.

בענקשאַפט פון נעכטן .... 47

פון דער סעריע

„קינדערלאַנד“ ......... 49

נייך, מען דאַרף ניט . . .

(איטשען אַ מתנה) ........ 51

קינדערלאַנד ............ 52

אין קעמפּ:

אויסוואַשן דעם דיל.

אויסקערן די באַנגאַלאָ.

דרימלען שיפלעך ........ 61

פון דער ווייטנס .......... 64

פרילינג־טאָג ............ 65

אַ שפּאַס .............. 67

פון דער סעריע

„לידעלעך קליינע“ ...... 69

לידעלעך קליינע .......... 71

אינדיק, אינדיק.

אייזל לאַנגע אויערן ...... 72

טשערעפּאַכע גרינע.

הירש מיט לאַנגע הערנער 73

מילן, מאָלט. ים און זאַמד .. 74

דאָרשטיק. סאָווע .......... 75

פּיק־האָלץ, פּיק־האָלץ.

האָן מיט רויטן קעמל .... 76

קו, קו, רויטע קו. פאַרטאָג .. 77

שווימט אַ שיף.

דער טאָג איז קליין ...... 78

ווען די נאַכט איז בלוי.

לויפן הירשן ............ 79

זיידע באָבע. אין אַ וויגל ... 80

ווינטער־פראָסט. אויף אַ בערגל 81

אַזאַ ווינטער. אַז ס׳איז קאַלט.. 82

סטאָליער. שניי און ווינט .... 83

ווייסער בער. איך און דו ... 84

מעשה, מעשה.
איך וועל זיין דער טאַטע .. 85
שוסטער, שוסטער.
מאַמע מיינע אַרבעט ..... 86
אַ מיינער. איך — דער לערער 87
כ'האָב אַ נאָדל־פּאָדעם.
אַ וועגעלע ............. 88
דאָרף. כ'האָב אַ קעסטעלע
מיט אייזן ............ 89
אַרבעט, אַרבעט. סטאָליער .. 90
איך בוי אַ הויז. די טיר .... 91
פּאַפּירענע שיפן.
באַשעלע־שרהלע ......... 92
איך אַ שוסטער. אָרקעסטער .. 93
קלינג־קלינג, טעלעפאָן.
לייזער־לאָזער .......... 94
כ'האָב אַ קעסטעלע מיט פאַרבן.
וועט אייך גוט .......... 95
פון דער סעריע
„מאַמע־ערד“
פון דער סעריע
„זינג, דו, מיין האַרץ“ .. 97
אַ קראַנץ פרילינג־לידער .... 99
מיין געזאַנג ........... 100
דאָס געזאַנג פון שטאָט
און דאָרף ............ 102
אָונט אין דאָרף ........... 105
קינדערלעך מיט בלויע אויגן 107
דאָס ליד פון קוקאַרעקו האָן .. 108
צו מיין אַרעלע ........... 111
קומט, לאָמיר זיך לערנען!... 112
ס'שטייט צוגעבעט דיין בעט... 113
ס'וועט נאָך בליען......... 114
כ'האָב היינט בלומען
אָפּגעריסן ............. 115
אויף אַ באַרג־שפּיץ
שטייט אַ שטיבל ........ 116
מיין חבר אַ טויטער ........ 118
איך ברענג דיר איצט ..... 119
ערגעץ זינגען איצטער פעלדער 120
הער איך דיינע רייד ....... 121
אַלע לאָגלען מיינע ווערטן .. 122
הייבט די זון ............ 123
Nocturne ................ 124
פון דער סעריע
„פּוירל האַרבאַר“ ....... 125
ס'האָט צעברומט זיך ....... 127
איך בין אַן אַמעריקאַנער .... 129
היינט צי איך די גלעקער .... 131
ניט ווי ירמיה וועל איך
איצטער וויינען .......... 133
דער נאָצי ביים טויער ...... 135
ס'מאַכט ניט אויס .......... 136
ס'פייפט דער ווינט ......... 137
איד, דו האָסט אַ גלייכן חלק.. 139
מיט פליגל צעשפּרייט ...... 140
באַלאַדעס .............. 143
נפתלי באָטווין ........... 145
די באַלאַדע פון דער שיינער
קלעמענטיין ............ 158
טאָם מוני .............. 160
די באַלאַדע פון די פופצן יאַטן 164
די באַלאַדע פון אַ מאָלדעוואַן
בונטאַר ............. 172
די באַלאַדע פון ציגעלע־ציג.. 176
די באַלאַדע פון דער וואַסער־
מיל ................ 180
קעווין בערי (אירלענדישע
באַלאַדע) ............ 183
הירש לעקערט ........... 184
אַ וואָרט פון נחום וויסמאַן
בוך־קאָמיטעט .......... 189